STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03229

# SHRIFTEN

Baal-Makhshoves

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעל מחשבות.

(דר. עליאשעוו).

# שריפטען.

## באנד V.

(שטריכען און געדאנקען)

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.

איבערזעצען און איבערדרוקען
אָן דער ערלויבעניש פון מחבר
איז פערבאָטען (געזעץ פון 19
מערץ 1911).

דרוקעריי ב. א. קלעצקין,
ווילנא

# אין צייט־קאראהאד.

# חנוכה.

פֿאַר עטליכע טויזענט יאָהר האָט אונז געטראָפֿען אַ נס.

צווישען צעהנדליגער פֿעסער פֿעראומרייניגטען בוימעל האָט מען געפֿונען אַ קליין קריגעל, וואָס איז נאָך נישט בעשמוצט געוואָרען פֿון טרפֿ'ענע הענד.

און דער נס איז נאָך געוואָרען גרעסער, ווען דאָס קליינע קריגעל אייל האָט געסטאַיעט צו בעלייכטען דעם בית המקדש גאַנצע אַכט טעג מיט אַמאָל.

פֿאַר אַ פּאָר טויזענט יאָהר זיינען די מענשען דאָך געווען נאַאיווער ווי היינט.

היינט וואונדערן מיר זיך גאָר נישט, ווען אַ ריין קריגעל איז אימשטאַנד צו לייכטען לענגער און ליכטיגער, ווי דער נישט־ריינער בוימעל.

מיר ווייסען שוין, אַז אין דער ריינקייט, לויטערקייט געפֿינט זיך אַזאַ קראַפֿט, וואָס איז בכח צו בעזיגען נישט נאָר די פֿינסטערקייט פֿון אַן אייגענעם בית־המקדש, נאָר אויך די פֿינסטערקייט פֿון אַ גאַנצער מענשליכער עפּאָכע.

מען דאַרף נאָר האָבען די מנורה, וואו מען זאָל קאָנען אַריינגיסען דאָס ריינע בוימעל.

* *

*

שווער צו גלויבען אַ היינטיגען מענשען אין נסים...

שוין אַן ערך פֿון הונדערטער יאָהרען, ווי מען געוועהנט צו דעם געדאַנק, אַז עס זיינען נישט פֿאַראַן קיין נסים אויף דער וועלט.

פֿריהער האָבען פֿון דעם סוד געוואוסט נאָר עטליכע געצעהלטע פֿילאָזאָפֿען.

הײַנט װײסען שױן דערפֿון אַלע מענשען, װאָס האָבען פֿער־בראַכט זײער יוגענד אױף דער שול־באַנק און האָבען געקנײטשט זײער שטערן איבער די גראָב־בײַכיגע ביכער פֿון אונזערע גרױסע נאַטור־פֿאָרשער.

און װען עס קומט אױף אונז אַ שװאַכע מינוט און עס װילט זיך גלױבען אין אַ נס, — שפּעטען מיר אַלײן אָב פֿון אונזערע געפֿיהלען, װאָס שלעפּען זיך נאָך אונזער אינערער הכּרה, װי אַ הינקעדיגע קלאַטשע נאָכ'ן געזונטען, שענעם אַראַבישען פֿערד.

אונזער שׂכל, דאָס פֿלינקע שענע אַראַבישע פֿערד, איז שױן לאַנג דערגאַנגען צו זײַן ציל; די הינקענדיגע קלאַטשע, דאָס גע־פֿיהל, קאָן זיך נאָך אַלץ נישט שײדען מיט איהר טונקעלן שטאַל, װאו אינאײנעם מיט דעם שטױב און די שאָטענס קריכען אַרום די האַלב־דונקעלע פֿאָרשטעלונגען פֿון שדים, רוחות און אַלערלײ נסים.

אָבער עס קומען דאָך די שװאַכע מינוטען, װען עס הױבט זיך אָן נישט װילענדיג צו בענקען נאָך עפּעס... נאָך עפּעס אַ נס...

* *
*

אױך מיר, די הײַנטיגע, װאָס שטעהען אין מיטען קאַמף פֿאַר אַ בעסערער יודישער צוקונפֿט, װערען אָפֿט בעפֿאַלען פֿון אַזױנע מינוטען.

שװער איז דער קאַמף, לאַנג, שרעקליך לאַנג איז דער װעג, װאָס עס װײַזט אונז דער שׂכל. עס װילט זיך עפּיס אַזױנס, װאָס זאָל אונז אָפּקירצען דעם לאַנגען שטײנערנעם װעג, עס װילט זיך אַ נס...

און דערמאָלט זאָגט אונז אונזער האַרץ, אַז דער נס פֿון אַמאָליגען חנוכּה װאָלט אונז איצט װעניג־װאָס געהאָלפֿען.

אונז פֿעהלט נישט, ברוך השם, קײן רײן קריגעל בױמעל. אין די צװײ טױזענד יאָהר פֿון אונזער גלות האָבען מיר נישט אײן קריגעל רײנעם בױמעל אָנגעזאַמעלט. צוליב אונזער עיגער בע־יהרונג מיט דער הײליגער, רײנער, אַלגעמײן־מענשליכער קולטור האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אין אונזער נשמה רײנע, לױטערע טראָפּענס,

וואָס קאָנען בעלויכטען נישט איין מנורה פון אַ פאָלקס־בית־המקדש...

די איינציגע זאַך, וואָס עס פעהלט אונז, איז די מנורה.

די אַלטע השמונאים האָבען געהאַט די מנורה, זיי האָט נאָר געפעהלט דאָס אייל.

מיר, פאַרקעהרט, האָבען אפשר שוין צעהנדליגער פעסער מאַטעריאַל אויף צו פערברענען איפ'ן מזבח פון מענשען־ליבע, גערעכטיגקייט און הויכע צוקונפטס־אידעאַלען.

אונז פעהלט אָבער די מנורה, דער איין־איינציגער אָרט, וואו מיר זאָלען אונזער ליכט לאָזען אויפפלאַמען.

און אין די מינוטען, ווען עס בענקט זיך נאָך אַ נס, בעטען מיר נאָר ביי גאָט, אַז ער זאָל זיין אַלטען, אַמאָליגען נס געבען אַ נייע פנים.

זיי, די אַלטע, האָט ער געבענשט מיט'ן „פך השמן“, אָבער אונז, די יונגע, זאָל ער גראָד בענשען דערמיט, אין וואָס די השמונאים האָבען קיין דחקות נישט געפיהלט.

זאָל ער אונז בענשען מיט אַ מנורה.

# דער סעזאָן.

עס הויבט זיך שוין אָן דער סעזאָן.

אין שטעדט און שטעדטלעך זיצען שוין די „קעפּ" און קלע־רען, ווי אויסצונוצען די קורצע צייט פון די „אַלט ליכטלעך".

אָי, מען דאַרף לייזונג, מען דאַרף לייזונג!

אַלע אונזערע בקור־חולים׳ס, מושב זקנים׳ס, הכנסת אורחים׳ס א. אַז. וו. האָבען זיך שוין גוט אויסגעהונגערט אין דער צייט פון זומער און האַרבסט, און מען עסט שוין אויף די לעצטע קאָפּיקע.

איינגאַנצען „אַלט ליכטלעך". ווי ווייניג פאַר אַן עדה יודען, וואָס איז נעביך אַזאַ גרויסער נצרך! אָבער די קאָמיטעט־לייט, אונזערע קעפּ, זיינען געלערנטע מענשען. זיי האָבען אַ גוטע השגה פון אַ „נדחה", און מאַכען אַ גזרה־שוה: מה דאָך אַ תענית מעג מען אָפּשטויסען פון איין טאָג אויף אַן אַנדערן, מכל שכן אַ יודישען באַל, אָדער אַ יודישען אָווענט.

און אָפּשטויסען די „אַלט ליכטלעך" מוז מען. דען אין די לעצטע יאָהרען האָבען זיך אַריינגעריסען אין די חנוכה־טעג נייע מיני יודען, חובבי ציון, ציוניסטען און אַנדערע היי־מאָדישע חשמונאים, וואָס האָבען מיט געוואַלד פאַר זיך גענומען דעם חנוכה אין אַרענדע.

זיי נעמען צו ביי אונזערע קאָמיטעט־לייט אַ ליכטעל נאָך אַ ליכטעל; מיט אַן איראָנישען שמייכעל אויף די ליפּען צוקלאַפּען זיי די טענות און די תביעות פון אונזערע פילאַנטראָפּישע פאָר־שטעהער. זיי האַלטען בכלל נישט אַ סך פון דער גאַנצער פילאַנ־טראָפּיע. זיי רופען דאָס אָן פּאַליאַטיווען און האָבען נאָר אמונה אין „דעם כח פון דעם אויפגעלעבטען פאָלק".

— „מיר שאַפען אייביגע זאַכען" — זאָגען זיי מיט

אַ גאוה אין די אויגען — איהר, פאַרקעהרט, לעגט נאָר צו קליינע פּלאַסטערלעך צו דער גרויסער טויזענט־יעהריגער יודישער וואונד".

יאָ, נייע יחסנים האָבען זיך בעוויזען אויף דער יודישער גאַס. מען מוז מאַכען אַ „גדהה"! מען מוז צושניידען די אַלטע ליכט־לעך אויף זעכצעהן, כדי אַז אַ „מושב זקנים", אָדער אַ „סומך נופלים" זאָל אויך עפּיס געניסען פון חנוכה.

און דאָס איז דאָך שוין אַ כלל, אַז ווען די קאָמיטעט־לייט הויבען אָן צו זאָרגען וועגען צרות הכלל — ווערט אין שטאָדט היימ־ליך. מען הויבט־אָן צו לכטערן דעם רעפּערטואַר פון יודי־שע טעאַטער־שטיק, אין די דראַמאַטישע חברות הייבט מען זיך אָן עפּטער צוזאַמענצוקלייבען אויף אַ רעפּעטיציע פון אַ „יודעלע קלאַפּ" אָדער אַ „פינטעלע יוד". מען לופטערט דורך דעם אַלטען לאַטיינער נישט ערגער, ווי די פּלאַנטראָפּישע דאַמען לופטערן אויס די באַל־קליידער פון פאַר־אַ־יאָהריגען סעזאָן. אין גלופּסק האַלט זיך די מאָדע אַ פּאָר יאָהר לענגער, ווי אין פּאַריז. נישט נאָר אין פרויען־קליידער, נאָר אויך אין ליטעראַרישען געשמאַק.

מען הויבט־אָן זיך צונויפצושרייבען מיט אַ פּאָר יודישע בע־קאַנטע לעקטאָרען, וואָס דאַרפען זיך אין די „אַלטע ליכטלעך" צוריי־סען אויף 20 שטעדט, און מיט די פּאָר יודישע זינגערס, וואָס זינ־גען שוין אַ יאָהר צעהן „אלי, אלי" אויף יודישע אָוועטען אין די שטעדט און שטעדטליך. מען הויבט אָן „קאָאָפּטירען" צו די קאָמיטעט־זיצונגען אַלערליי יודען, וואָס האָבען אַ ידיעה אין יודישער ליטע־ראַטור, פּאָעזיע און מוזיק און נאָך אַזעלכע „שמאָנצעס". אַ גאַנץ יאָהר קוקט מען ניט אין זייער ווינקעל אַריין, אָבער חנוכה־צייט בעקומט מען אינטערעס צו די הויכע מאָדערונגען פון בילדונג און קונסט און מען ניצט זיך מיט זיי.

עס הויבען זיך אָן די באַל־קאָמיסיעס מיט דאַמען און אָהן דאַמען, מיט דאַמען און מיט פרייליינס און מיט דאַמען און אָהן פרייליינס.

קורץ, עס ווערט היימליך אין שטעדטיל.

און אַז עס ווערט היימליך אין שטעדטיל, און די אַרענדאַ־טאָרען פון די חנוכה־טעג האָבען שוין אָנגעטאָן זייערס — קומען אויך צו די זיצונגען די לייט, וואָס אַרבייטען פאַר דער „אי־

ביגקייט״ פון פאָלק, און בעטייליגען זיך אויך מיט אַ בעוע־סענעם שמייכעל אויף די ליפּען אין די יודישע פּאַליאַטיווען, קלע־פּען אויף די פּלאַסטע־לעך, פון וואָס זיי האָבען נאָך אַ ווײַלע פריהער אָבגעשפּעט.

יאָ, עס הויבט זיך אָן דער יודישער סעזאָן, די שווערסטע צײַט פאַר אונזערע קאָמיטעט־לײַט, די לעבעדיגסטע צײַט פאַר אונזערע דראַמאַטיש־מוזיקאַלישע חברות, לעקטאָרען, פאָלקס־לידער־זינגער, אַלערליי דאַמען און פרײַלינס, און גלאַט יונגע־לײַט אין בעלי־הבתים.

אָבער די גאַנצע לעבעדיגקײַט און מונטערקײַט קאָן זיך נישט פערגלײַכען מיט דעם פרעהליכען פּנים פון דעם משגיח אין מושב זקנים, אָדער אין סומך נופלים, וואָס פיהלט, אַז איצט איז שוין געקומען די צײַט צו בעטען — אַ הוספה׳לע...

# ע ר ד.

ביי שעקספיר'ן אין א דראמע שרייט אויס דער ענגלישער קי־ניג ריכארד, וואס האט פערלארען אין דער מלחמה זיין פערד: „א פערד אהער! א פערד! א האלב קיניגרייך שענק איך פאר א פערד!“

ערד האט דוקא דער קיניג געהאט אונטער זיינע קרומע פיס, (ריכארד דער דריטער איז געווען א לאמער קיניג), עס האט איהם נאר געפעהלט א פערד, די פלינקע פיר־פיסיגע שטאלצע חיה.

איך האב אויך געקענט אמאל א קיניגס־פאלק, אן עם כהנים, וואס האט דוקא געהאט גלייכע פיס, אווינע פיס, וואס זיינען געווען מסוגל צו וואנדערווען איבער דער גאנצער וועלט, — נאר עס האט איהם נעביך געפעהלט א שטיקעלע אייגענע ערד, וואו עס זאל קאנען שטעלען א מענשישע פאר פאדעשוועס.

האט עס אנגעהויבען שוין א יאהר דרייסיג צו שרייען: ערד! ערד! כאטש אזוי פיל ערד, וויפיל עס איז נויטיג פאר אן א־שטענדיג בעל־הבתיש הייזעל!

זיינען געקומען אלערליי בחורים, יונגע־לייט, פאנטאסטישע קעפ און „לייט, וואס קאנען לייענען אין די ביכער“, און האבען אויסגערעכענט מיט זייער כח הדמיון, וואס פאר א גליק עס וואלט געווען פאר דעם וואנדערנדיגען פאלק, ווען עס וואלט כאטש געהאט א טפה ערד אונטער די פיס.

האבען זיך אבער גענומען אויף זיי מיאוס בייזערן די אלטע לייט פון פאלק, און אנגעהויבען בעווייזען מיט אלערליי ראיות, אז ערד האט דאס פאלק איבער און איבער.

און איינער א גרייז־גראהער זקן, א מענש, וואס האט שוין געהאלטען איין פוס אויף דער אנדערער בעסערער וועלט, האט א מאך געטאן מיט דער האנט און האט געזאגט: אמת, מיר זיינען א

פֿאָלק פֿון וואַנדערער, האָבען מיר טאַקע דערפֿאַר ערד, וואו נאָר עס איז דאָ אַ שטאָדט אין דער וועלט, וואו נאָר עס האָט זיך אויסגעפּיקט אַ הייליגע קהילה.

אונזער ערד זענען די בית־עולמ׳ס, וואו מיר האָבען פּעראַשאָטען דאָס געביין פֿון אונזערע זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס.

די גאַסען פֿון די שטעדט, וואו מיר וואַנדערן, זיינען אונז פֿרעמד, דערפֿאַר זיינען אונז נאָהנט די וויסטע פּוסטע פֿעלדער, וואָס ציהען זיך צו דעם אייגענס, צו די גיטער פֿון אונזערע אייביגע קבֿרים־לייט.

מיר דאַרפֿען נישט קיין ערד, מיר זיינען הערמיט שוין בײַוואָרענט פֿון אייביגע צייטען.

און אַ צווייטער, שוין נישט אַזאַ זקן, האָט ערקלערט דער נאַרישער חבֿרה פֿון די בעלי־חלומות די יונגלעך, אַז „ערד" איז דאָ צוויי מינים: כּשר׳ע און נישט־כּשר׳ע. אַ שטיקעל כּשר׳ע ערד וואָלט ער אויך געוואָלט האָבען, אָבער גלאַט אַזוי ערד איז ער מוחל במחילה גמורה.

איז געקומען אַ דריטער, — זיין באָרד האָט געהאַט מעהר שוואַרצע פֿעדים, ווי גראָהע, — און האָט געזאָגט: ערד, אַדרבא! אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט נעמען דערויף אַ הכשר פֿון די פֿרומע לייט, וואָס פֿערזאָרגען מאַנכע קהילות בײַ אַ פֿאָלק פּסח־צייט מיט פּסח׳דיגען טיי און פּסח׳דיגע פֿרייסלעך אויף די וועגט.

איז געקומען אַ פֿערטער און האָט כּיטרע אַ בלינצעל געטאָן מיט׳ן פֿרומען אויג, — דאָס איז נאָך געווען אַ מענש אין די מיטעלערע יאָהרען, — און האָט שטילערהייד פֿערטרויט קלוגע מענשען אַ סוד:

— זאָלען די יונגע בעלי־חלומות געהן בעקומען אַ שטיקעל ערד, זאָלען זיי דאָס בעאַקערן מיט שווייס פֿון זייער אָנגעזיפֿט, זאָלען זיי דאָס מאַכען פֿרוכפּערדיג און פֿעט — דעמאָלט וועט קומען די צייט, ווען מיר וועלען אַרויפֿלעגען אונזער הייליגע לאַפּע אויף דאָס שטיקעל ערד, און אַראָפּנעמען דעם שענעם, זאַפּטיגען גרינעם מעשׂר אין דער צייט פֿון שניט און שייער.

איז געוואָרען אַ גרויסע מחלוקת צווישען די פֿרומע לייט פֿון

פֿאָלק און די פֿרײַע בעלי־חלומות, און עס האָט זיך צעפּלאַקערט צווישען זיי די שׂנאה.

דאַרף מען דאָך אָבער האָבען געלט אויף ערד, — אַזוי פֿירט זיך שוין בײַ הײַנטיגע צײַטען, — האָט מען גענומען אָנשלאָגען בלעכענע פּושקעס צו איטליכער טיר פֿון פֿאָלק אָהן ערד.

האָבען די פֿרומע לײַט געשמייכעלט אין באָרד און געזאָגט: מיר האָבען שוין לאַנג אונזערע פּושקעס, נאָר אונזער געלט גייט אויף אַ שטיקעל ערד, וואו אונזער געביין זאָל קאָנען פֿוילען במנוחה.

האָבען געקריצט מיט די צײַן די יונגע און אַפּיקורסיש געענט־פֿערט: מעג אונזער געביין פֿוילען אין אָפֿענעם פֿעלד און ווערען צעפּיקט פֿון די ראָבען, — מיר ווילען אַ שטיקעל ערד פֿאַר אונ־זער געזונטען, לעבעדיגען וואַרימען גוף!

דער סוף פֿון דער מחלוקה איז געווען, אַז אין איטליכער שטוב פֿון דעם דאָזיגען פֿאָלק זײַנען געווען אָנגעשלאָגען צוויי פּושקעס: איינע פֿאַר די לעבעדיגע, איינע פֿאַר די טויטע.

איז אַמאָל אויסגעקומען אַ מענשען פֿון אַן אַנדער אָבשטאַם אַרײַנצופֿאַלען אין אַ שטוב פֿון דאָזיגען פֿאָלק, וואָס הלומט פֿון צווייערליי ערד, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿען.

אַ וואונדערליך פֿאָלק, — האָט ער דערנאָך פֿערצייכענט אין זײַן טאָג־בוך, — ווען מען נעכטיגט בײַ זיי, הערט מען בײַ־נאַכט, ווי עס קריגען זיך די שטימען פֿון די טויטע און די לעבעדיגע. און מערקווירדיג, די שטימען פֿון די טויטע זײַנען אָפֿט הילכיגער, ווי די לעבעדיגע.

— — — — — — — — —

זאָל מיר מוחל זײַן דער לעזער! די דאָזיגע פֿאַנטאַזיע איז מיר אַרײַן אין קאָפּ, ווען איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם קלאַנג פֿון די מטבעות, וואָס זענען געפֿאַלען פּורים־צײַט אין פֿערשיידענע פּושקעס און קערות.

# דרײַ פֿרויען־טיפּען.

נישט איטליכען מענשען גליקט אָב זיך צו בעקענען אין זײַן קורצען לעבען מיט אַלע דרײַ פֿרויען־טיפּען. אַן אַנדערער האָט אַזאַ מזל, אַז ער פֿערקנס'ט זיך צו אַ יאָהר צוואַנציג צי מיט אַ ושתי, צי מיט אַן אסתר, צי מיט אַ זרש, און לעבט מיט איהר אָב זײַנע גאַנצע זיבעציג יאָהר, קינדעלט אָן אַ וועלט מיט קאַ־ליקעס און בלײַבט דער איינציגער בעשערטער געטרײַ דאָס גאַנצע לעבען.

אַנדערע, ווידער, בעקענען זיך נאָר מיט צוויי פֿון די דאָזיגע טיפּען. זעלטען, ווער עס האָט אויסגעטרונקען דעם ליבעס־כּוס בײַ אַלע דרײַ אויף אַמאָל.

האָב איך אָבער געהאַט אַ בעקאַנטען (בעט נישט, אַז איך זאָל אײַך בעשרײַבען זײַן אויסערן פּנים, זײַן הילוך, זײַן געשטאַלט. אַ המן, פּורים נאָך דער צווייטער מגילה, זעהט נישט אויס שענער), וואָס האָט געהאַט מחוקות צוערשט מיט אַ ושתי, דערנאָך מיט אַן אסתר און סוף כּל סוף איז ער געוואָרען איינגעריסען פֿון אַ זרש'ל.

אין די לעצטע יאָהרען געהט ער שוין כּמעט נישט אַרויס פֿון שטוב. נאָר איין מאָל אין יאָהר, ווען יודישע גראַגערס צעזעצען מחות אין די שולען און אין די קלויזען, בעווײַזט ער זיך אויך אין קלויז, און אויך מיט אַ גראַגער.

נאָר עפּיס אַ מאָדנע זאַך! דערהערט ער המנ'ס נאָמען, בלײַבט ער קאַלט ווי אײַז און זײַן גראַגער ליגט ווי אַ געפּגר'טער; דער־הערט ער אָבער דעם נאָמען ושתי, אסתר, זרש — ווערט ער אַן אָנגעצונדענער און כאַפּט באַלד משונה'דיג ווילד דרעהען מיט'ן גראַגער, אַז די גאַנצע שול מיט דעם בעל־קורא צוזאַמען ווער'ען מאוס מבולבל.

אַ מאָדנער יוד! — קוועטש מען מיט די פּלייצעס. אָבער פֿאַר אַ משוגע׳נעם האַלט איהם קיינער נישט. ווײַל דאָס ווייס איטליכער יוד, אַז מאַנכע אשה איז נישט ליכטער צו פֿערטראָגען, ווי המן דעם צורר היהודים.

אַפּילו דער בעל־קורא אַליין פֿערשטעהט, אַז אַ גראַגער קאָן אַמאָל צו=נויץ קומען פֿאַר אַ ושתי׳ן אויך.

איינמאָל נאָך דער ערשטער מגילה, —עס איז געווען אַ קלאָרע לבֿנה=נאַכט, — האָב איך מײַן בעקאַנטען בעגלייט אַהיים. מיר זײַנען געגאַנגען צו=פֿוס, כאָטש עס איז געווען אַ מהלך וועגס. מיר האָבען זיך ביידע נישט געאײַלט אַהיים. בײַ מיר איז געווען אין דער=היים אַ ושתי און בײַ איהם איז געווען אַ זרש׳ל.

אונטערוועגס האָט מײַן בעקאַנטער אַ ביסעל איבערגעגאָסען דאָס האַרץ פֿאַר מיר.

— זיי זײַנען קיינער נישט בעסער איינע פֿאַר די אַנדערע.

מײַן ערשטע ווײַב איז געווען אַ מלכות׳דיגע יודענע, אַן אמת׳ע ושתי. איך בין נאָך דעמאָלט געווען יונג, געהאַט אַ שטורעמדיג קאָכענדיג האַרץ. מיר איז געפֿעלען געוואָרען, וואָס מײַן ווײַב איז אַן אמת׳ע ושתי, האָט זיך אַן אייגענעם ווילען און טוט זיך וואָס זי וויל מיט אַן עכטער ווײַבערשער עקשנות. איך בין געווען יונג און מײַנע כחות האָבען פֿערלאַנגט דעם קאַמף, דעריבער האָב איך זיך אַזוי גליקליך געפֿיהלט, וואָס אין מײַן שטוב דרעהט זיך אַרום אַן אייביגער קאַמף אין דער מלכותדיגער געשטאַלט פֿון אַ שענער ושתי. ושתי׳ן איז אָבער נישט גענוג געווען, וואָס זי טוט זיך איהר ווילען געגען מײַנעם, זי האָט נאָך געוואָלט, אַז איך זאָל כּלל נישט האָבען קיין שום ווילען און... מיר האָבען זיך גע׳גט.

האָב איך בעקומען אַן אסתר׳ל, אַ ווײַבעל, וואָס איז געווען פּונקט דער היפּך פֿון ושתי׳ן, אַ יודענע, וואָס איז תמיד געווען אַנטציקט פֿון מיר און האָט שטאָלצירט מיט איטליכער נאַרישקײַט, וואָס האָט אויסגעפּיקט מײַן מוח. זי איז געוואָרען פֿאַר מײַן נשמה דער פֿאַלשער שפּיגעל, וואו איך האָב זיך תמיד געזעהן אין די שטראַהלען פֿון חכמה, געניטקײַט, טאַלענטירטקײַט און אַלערליי הויכע מעלות. קורץ, עס איז געקומען אַ צײַט, ווען איך האָב זיך שוין אַליין אָנגעהויבען צו פֿערגעטערן, דערבײַ האָט זי מיר

געהאַלטען ווי אײַנגעוויקעלט אין וואַטע און האָט מיך דערשטיקט מיט איהר גרויסער אמונה אין מיר און אין מײַנע נאַרישקײַטען. נאָר איינמאָל, דורך אַ צופאַל, האָב איך זיך דערזעהן אין ריי־טיגען שפּיגעל, און איך האָב בעקומען אַן עקעל פאַר זיך אַליין און פאַר דעם, וואָס עס איז פון מיר געוואָרען. איך בין אַוועק פון מײַן אסתר'ן אין אַן אַנדער שטאָדט, געוואָרען ווידער אַ שטיקעל מענש... און מיר האָבען זיך צעגט.

איך בין נאָך געווען צו ווייניג אַלט, אום צו ליגען כסדר אַן אײַנגעוויקעלטער אין וואַטע, אין דעם נודנעם שפּײַעכץ פון איי־ביגער פערגעטערונג.

איצט האָב איך די זרשיל. דאָס איז אַ קליי־ינקע, אַ קלוגע, אַ בייזע, אַ ווײַב, וואָס מישט זיך אין אַלע מײַנע געשעפטען, שפּילט אַלע טאָג מיט די זיסינקע ריי־עלעך אויף מײַן עהרגײַץ. אויף מײַנע נידעריגסטע געפיהלען און נוצט אויס מײַנע פעהיגקײַ־טען פאַר פּראָסטע, מאַנכמאָל גאָר פּראָסטע צוועקען.

זי שעצט מיך נישט ווי אסתר, אָבגעטיש־בלינד, נאָר אַזוי ווײַט, ווי דאָס קאָן נוצען, ווי זי פערשטעהט דאָס. זי מאַכט פון מיר אַ שטעקען ווי ושתי, אָבער זי האָט נישט איהרע מלכות'דיגע הענט און ושתי'ס אַריסטאָקראַטישע געזינונג. קורץ, דאָס איז אַ געמיש פון אַ ושתי און אַן אסתר, נאָר אין אַ קלענערער הייקער־דיגער געשטאַלט. אַ שלעכטס, אַ יונגע קסאַנטיפּע.

בין איך אָבער שוין נישט אַזוי יונג ווי אַמאָל, און איך ווייס שוין, אַז בעגראָבען וועט מיך נישט ושתי, נישט אסתר, נאָר זרשיל.

און מײַן בעקאַנטער האָט טיף אָבגעזיפצט.

# פֿערבלאָנדזשעטע קינדער.

ער איז געזעסען מיט אַ גוייִשקען חבֿר און האָט צערעדט:

— און די אַנטיסעמיטען זאָגען נאָך, אַז מיר האָבען קיינעם נישט ליב. ס'אַ ליגען! מיר האָבען ליב נישט נאָר אונזערע אייגענע קינדער, נאָר מיר לעבען אויך אין הוילע דאגות וועגען אַלע קריסטליכע קינדער אין דער גרויסער רוסישער מלוכה. מיר ציטערן און פּלאַטערן איבער זיי נישט ווייניגער און אפשר נאָך אַ סך מעהר ווי איבער אונזערע אייגענע „צוציקלעך".

און אַז מיר געהען דורך אַ גאַס און זעהען, אַז אַ קליינער „איוואַן", אָדער אַ „סטעפּאַן" שפּרינגט איבער'ן טראָטואַר מיט זיינע באָרוועסע פֿיסלעך — כאַפּט אונז אָן אַן אימה. ער קאָן נאָך, חלילה, פֿערבלאָנדזשען און נישט קומען אַהיים נעכטיגען.

זאָגט, וואָס איהר ווילט, נאָר אַזאַ ליבשאַפֿט, ווי דער יוד וויזט אַרויס צו אַ גוייִשען יונגעל, בעזונדערס פּסח־צייט — ווערט איהר ניט געפֿינען ביי קיין אומה ולשון. מיט וואָס פֿאַר אַ נחת קוקט ער אויף דעם קליינעם גוייִשקען מישקאַ, וואָס ווערט געפֿיהרט ביים הענטעל פֿון דער באָנע, און וואָס לאָזט איהם נישט אַרומלויפֿען איינעם אַליין דורך די אַלעען פֿון שטאָדט־גאָרטען?

נאָכמעהר. עס זיינען דאָ אַזוינע ווייטהאַרציגע יודען, וואָס גיבען אַן עצה די גויים צו נעמען פֿאַר זייערע קינדער דווקא דייטשע באָנעס, ווייל אַ דייטשקע איז אַ סך געווישענהאַפֿטער, ווי אַ רוסישע באָנע.

איבעריגענס, ווען אַ יוד זעהט, אַז דער קליינער גוייִשקער מישאַ האַלט זיך ביים פֿאַרטוך פֿון אַן אַלטער רוסישער „ניאַניע", איז ער אויך צופֿרידען. די אַלטע ניאַנעס האָבען נאָך דאָס בלוט פֿון

די אַמאָליגע טרײַע קנעכט, וואָס האָבן אויסגעלעבט לײַב און לעבן פֿאַר דעם יונגן פֿרילע פֿון זייער בעל־הבית.

און וואָס פֿאַר אַ מיטגעפֿיל עס באַווײַזט דער ייִד, ווען אָט אַזאַ מישאַ ווערט מיט אַמאָל נעלם אַ ווײַלע, און די מאַמע אין דער טאַטן הויבן אָן זוכן דאָס קינד אין אַלע אָפּגעלעגענע גאַסן!

און אַקוראַט ווי זיי וואָלטן וויסן פֿון אונדזער ליבשאַפֿט צו קליינע קינדער — קומען זיי זיך צונויפֿשט נאָכפֿרעגן בײַ ייִדן, צי האָבן זיי ערגיץ נישט באַהאַלטן דאָס שיינע קינד, וואָס איז אַזאַ געראָטן קינד, אַז מען מעג אויף אים אַ ברכה מאַכן.

זײַט וויסן, אַז קיינער פֿילט נישט מיט אַזוי די קריסטלעכע טאַטע־מאַמעס, ווען עס ווערט בײַ זיי אַ קינד נעלם, ווי מיר, ייִדן.

איינמאָל האָט געטראָפֿן, אַז אַ שגץ, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן ליבן טאָג געשפּילט אויפֿן הויף, איז צום אָוונט אַנידערגעפֿאַלן אַ מידער הינטער אַ קלאָפּטער האָלץ און איז דאָרט איינגעשלאָפֿן. מילא, טאַטע־מאַמע זײַנען שיִער משוגע געוואָרן, זוכנדיק דאָס קינד אין אַלע ייִדישע געוועלבלעך, וואו מען פֿערקויפֿט רויטע ייִן צמוקים... ביז ייִדן, וואָס האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף די עלטערן, האָבן זיך געלאָזט צום הויף, צום קלאַפּטער האָלץ און געפֿינען דאָס זיסע מלאכל אַ שלאָפֿנדיקס מיט אַ שמייכל אויף זײַנע שיינע האַלב־אָפֿענע ליפּעלעך.

און מיינט נישט, אַז אונדזער ליבשאַפֿט באַציִט זיך נאָר אויף בעל־הבתישע גוישקע קינדער. מיר ליבן נאָך אַ סך הייסער דאָס שגצל פֿון פֿאָלק, דאָס קינד פֿון סטוזש אין פֿון וואַסערטרעגער און פֿון דער וועשין, ווי דאָס קינד פֿון רײַכן קריסטלעכן בעל־הבית.

זיי האָבן געביך נישט קיין ניאַנעס, נישט קיין באָנעס; זיי לויפֿן געביך אַרום גאַנצענע טעג מיט באָרוועסע פֿיסלעך אין די גאַסן ווי שעפּסעלעך אָהן אַ פּאַסטוך. ווי געשווינד קאָן זיך אַזאַ עופֿהלע פֿערבלאָנדזשען, ווי גיך קאָן מיט אַמאָל קומען אַן אומגליק אויף די צאַרטע ווייכע הערצער פֿון די טאַטע־מאַמעס, פֿון די אָרימע סטרוזשאָווקעס און וואַסער־טרעגער, און ווי שווער איז די פֿערדאָרעוועטע מענשען צו געפֿינען באַלד דעם שפּור פֿון זייער קינד, וואָס איז אויך אַ ווײַלע נעלם געוואָרן!

איך זאָג אײַך, ס׳אַליגען, אַז מען האַלט אונז פֿאַר שלעכטע בנוגע צו פֿרעמדע קינדער. אדרבא, מיר פֿלאַטערן און ציטערן איבער זיי אָפֿטמאָל נישט ווייניקער, ווי איבער אייגענע טאַטע-מאַמע.

קומט אָבער פּסח-צײַט, וואַקסט אַזוי גרויס אונזער ליבע צו זיי, אַז ווען אין אַ יודישער גאַס דערהערט זיך די טרויעריגע בשׂורה, אַז אַ קריסטליך קינד האָט זיך פֿערבלאָנדזשעט, ווערען מיר אויס מענשען, און זײַנען גרייט אַוועקצוואַרפֿען אַלע אונזערע געשעפֿטען, נאָר אָבצוזוכען דאָס קינד, וואָס האָט זיך נעביך פֿערבלאָנדזשעט.

הײַנט זעהט איהר שוין, ווי נאַריש עס זײַנען די בלבולים פֿון אַלע אײַערע אַנטיסעמיטען?

# ערב פסח.

אויף דער יודישער גאַס איז לעבעדיג.

מען גרייט זיך צו פסח, מען הויבט זיך שוין אָן צו כשר'ן. טירען און פענסטער, וואָס האָבען אַ גאַנץ יאָהר געשמאַק געדרימעלט אין שטויב און אין שמוץ, ווערען איצט אויסגעצוואָגען, ווי די קינדערלעך ערב שבת.

צוזאַמען מיט'ן ערב פסח איז אָנגעקומען דער פרידלינג, א'ן דורך די אויפגעפראַלטע, אָפענע, אויסגעצוואָגענע פענסטער דרינגען אַריין די פרישע פריהלינגס-ליפטעלעך.

עס כשר'ט זיך מיט'ן יודען אויך די גאַנצע נאַטור, וואָס טרייבט איצט שטאַרקער דורך די רינשטאָקען די שמוציגע וואַסערן א'ן וואָס רייניגט איצט דעם טייך פון דעם ווינטערדיגען אייז.

עס כשר'ט זיך אויך דער גראָהער הימעל, וואָס בעקומט די הנ'דלעך פון פריינדליכע בלאָהע אויגען, און די זון, וואָס איז אַזוי געווען פעראומערט די לעצטע חדשים, שמייכעלט מיט דעם גלאַנציגען אָבשלאָג פון אַ קראַנקען, וואָס איז אָקאָרשט געזונט געוואָרען.

פון די נאַקעטע ביימלעך שטעקען אַרויס די יונגע שפראָצונגען זייערע תמ'עוואַטע קעפּלעך, און צוזאַמען מיט די גרעזלעך, וואָס זיינען שוין אַריבערגעוואַקסען די גראָהע ערד א'ן האַלטען זיך דעריבער פאַר גרויסע — קוקען זיי מיט נייגעריגקייט אויף אַ וועלט, וואו עס שפּילט זיך אַ פריהלינג און וואו עס טאַנצען די זונען-פלעקען.

גאוה'דיג בריט האָט זיך צעגאָסען דער טייך, וואָס אין זיינע ריינע וואַסערן וועלען באַלד קומען כשר'ן כלים די ווייבער א'ן די מוידען. ער פליסט מיט אַ רוהיגער געזעסענקייט, און ווען ער

פערטרינקט אַרום די בוימלעך בײַם ברעג — איז דאָס בײַ אידם גיכער אַ שפּיל, ווי אַ בייזע כונה.

עס בעווײַזען זיך אויף דער גאַס נײַע מענשען, יונגע פּנימ'ער פון יודישע בחורים אין מיידלעך, וואָס זײַנען געקומען צו יום-טובֿ אַהיים, און וואָס געניסען די אונאָרדנונג, וואָס דער פריהלינג אין דער ערבֿ-פּסח האָבען אַרײַנגעטראָגען, מיט דער זיסער אומגעדולד פון אַ יוגענד.

יאָ, דער ערבֿ-פּסח צוזאַמען מיט'ן פריהלינג טראָגען אַרײַן אַן אונאָרדנונג אין דעם גאַנצען יודישען פאָלקס-לעבען און אין דער גאַנצער נאַטור אַרום.

זיי האָבען זיך ביידע פעראייניגט, ווי אין די קינדער-מעשה'לעך, די פּאָר שטיפער, מענדקע און פּײַוקע, וואָס קעהרען איבער די שטוב קאַפּויער, וואָס קאָנען נישט צוזעהן, ווען אַ בענקעל שטעהט נישט מיט די פיס אַרויף. זיי שטיפען מיט אַזאַ חן, זיי קאָדרען איבער אונזער וועלטעל מיט אַזאַ קינדערשען לײַכטזין, אַז מען קאָן נישט זײַן אין כעס אויף זיי.

דער ערבֿ-פּסח איז די אונאָרדנונג פאַר אַ יום-טובֿ; דער אָנהויב פריהלינג איז דער שטיפער, וואָס זאָגט אונז צו אַ יום-טובֿ אין דער נאַטור.

אמת, עס שטעהען די בענקלעך און די טישען, די האַלב-גע'כשר'טע, מיט די פיסלעך אַרויף; אמת, עס צעטראָגט זיך דער פריהלינגס-טײַך אַזוי ברייט, אַז ער פּרובט שוין נעצען די בוימלעך בײַם ברעג.

אָבער מיר ווייסען שוין, אַז נאָך אַ ווײַלע, און די טישען און בענקלעך, וואָס לופטערן זיך איצט בײַ דער טיר פון שטוב, וועלען אַרײַן צו אונז ריינע, אויסגעצוואָגענע מיט דעם ליבען חן פון אַ מיידעלע מיט די נאַסע בערפלאָכטענע צעפּעלעך.

מיר פיהלען שוין פאָראויס, ווי דער שטיפערישער טײַך וועט אַרײַן אין זײַנע ברעגעס, און אויף דעם אָרט, וואו ער נעצט איצט די בוימלעך, וועט ליגען אַ גרינער טעפּיך, וועלען ציהען זייערע קעפּלעך די יונגע גרעזלעך צום בוימעל, וואָס איז איצט נעבעך אין אַזאַ סכנה איבער מענדקע דעם שטיפער.

דער קומענדיג יום-טובֿ בײַ אונז איז סײַ אַ פּסח, סײַ אַ „חג

האביב״, אַ פריהלינגס-יום-טוב, און עס ליגט אויף זיינע ערב-טעג אויסגעגאָסען דער חן פון דעם מין אונאָרדנונג, וואָס רופט ביי אונז אַרויס אַ שמייכעל און רייצט נישט אונזערע נערוועז אַפילו אויף אַ האָר.

הלואי וואָס עפטער אַזוינע אונאָרדנונגען, הלואי זאָלען די שטיפער פייווקע און מענדקע אונז שטענדיג אַזוי דערצאָרענען מיט זייערע קינדערשע הנ׳עוודיגע שטיפערייען.

# פסח־געדאנקען.

בײַ קײן קולטור־נאַציע אין דער וועלט וועט איהר נישט געפינען אַזאַ פאָלקס־יום־טוב, וואָס זאָל לויבען און בעזינגען דעם טאָג, די עפּאָכע, ווען זי איז אַרויס איף דער שײַן פון גאָטס ליכטיגער וועלט.

אָדער מיט אַנדערע ווערטער, בײַ קײן נאַציע וועט איהר נישט געפינען אַזאַ טאָג, וואָס איז איהר אײגענער געבורטס־טאָג, ווען זי צעהלט איהרע יאָהרען, ווען זי גרויסט זיך מיט איהר אַלטקײט, וואָס שטאָלצירט מיט די גרוי־ווײַסע פעדים אין דער הדרת־דיגער באָרד.

אמת, עס שטאָלצירען און גרויסען זיך די פירסטען און גראַפען מיט דעם טאָג, ווען זיי האָבען אויפגעהערט צו זײַן פּשוט׳ע בעשעפענישען און זיי זײַנען געוואָרען דערהויבען צו אַ גראַפישער אָדער אַ פירסטליכער משפחה. און איטליכער אַדעלמאַן, וואָס האָט זײַן אַדעלס־בריף לענגער מיט אַ פּאָר יאָהר, ווי זײַן חבר, האַלט זיך פאַר אַ גרויסען מיוחס, און פערלאַנגט, אַז לויט דעם יחוס נאָך זאָל מען איהם זעצען בײַם טיש פון די געסט.

איהר געפינט אָבער נישט בײַ די אומות העולם דעם נאַטירליכען פאָלקס־שטאָלץ, וואָס צעהלט די יאָהרען פון זײַן גזע, פון זײַן יחוס מיט דער אײגענער גאוה, ווי אַן אַלטער גראַף, וואָס פיהרט זײַן יחוס־בריף; כוטש דער אײגענער בעוואוסטזיניגקײט, ווי דער גרויסער שררה בײַם טרון פון מלך.

פסח פײַערט אַ גאַנץ פאָלק פון אָרים און רײַך, פון קלײן ביז גרויס, פון יונג ביז אַלט אײן אײנציגע זאַך, אײן־אײנציגען טאָג, ווען גאָט האָט עס בעשענקט מיט דעם ערשטען יחוס־בריף, מיט דעם ערשטען אַדעלס־בריף פון אַן עם כהנים.

* *
*

ווי שפּאָרעוודיג איז דער סדר, ווי קליין איז דער סדר-טיש, וואו עס איז קוים דאָ אָרט פאַר די צעהנדליגער וויין-גלעזלעך.

ווי קורץ איז די הגדה, וואָס וויל אויסדערצעהלען אין אַ פּאָר שעה צייט די לאַנגע געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין טויזענטער יאָהרען!

און דאָך ווי קונציג האָבען זיך דאָ ביים קליינעם סדר-טיש, אין דער קורצער הגדה אָבגעשפּיגעלט גרויסע היסטאָרישע עפּאָכען מיט פערשיידענע קולטורען, מיט פערשיידענע מאַטעריעלע און גייסטיגע צושטאַנדען.

פון די מצות, וואָס דערמאָנען אונז אָן דער מצרים-צייט, ווען מען האָט האַסטיג געמוזט אַנטלויפען פון דער קנעכטשאַפט, ביז צו אליהו הנביא׳ס כוס, וואָס דערמאָנט אונז אָן דער בייזער צייט פון די מלכים ביי די עשׂרת השבטים; פון קרבן-פּסח, די קרבנות-צייט (אַ זכר), דער שעפּסענער קאָפּ) ביז צו די הד גדיא׳ס, וואָס דערמאָנען אונז אָן דער צייט, ווען יודען האָבען שוין געלעבט אין די אַלט-דייטשע פּראָווינצען און האָבען איבערגעמאַכט דייטשע פאָלקס-לידער אויפ׳ן אייגענעם שטייגער; פון די עשׂרה מכות, ווען יודען האָבען נאָך געבּרענט ציגעל פון ליים, ביז צו אַ שיר השירים, ווען דער אייגענער היסטאָרישער יוד האָט געזונגען די ליבליכסטע און די ליידענשאַפטליכסטע ליבעס-לידער צו די „רויזען-מיידלעך“ אין שרון; פון אַ הללויה, וואָס דערצעהלט אונז פון די גליקליכע השמונאים-צייטען, ביז אַ „שפוך חמתך“, וואו עס מישט זיך אוים דער גיפט פון אַ בר-כוכבא מיט דעם צאָרן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַלץ פערלאָרען — בקצור, אין דעם מיש-מאַש פון דער הגדה האָבען זיך שטריכען-שטריכענווייז אָבגעזעצט די ליידען און די פריידען, די שיקזאַלען און די אָנשיקענישען פון פערשיידענע צייטען אין פערשיידענע עפּאָכען.

* *
*

און נישט נאָר די ערינערונג פון די עפּאָכען, נאָר אויך דער לעבעדיגער קלאַנג פון זיי.

פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט אויערן, איז די הגדה, דער סדר אַ מין פאָנאָגראַף, וואו עס הערען זיך נאָך די לעבעדיגע שטימען פון די, וואָס זייער געביין איז שוין לאַנג אויסגעמישט מיט דעם שטויב פון דער ערד.

אין „כל דכפין ייתי ויכול" הערט איהר די שטים פונ'ם אַמאָליגען יודען, וואָס האָט שוין פערגעסען ריין לשון־קודש און האָט גערעדט אַראַמיש. אין די פערשיידענע פסוקים פון דער הגדה קלינגט די לעבעדיגע שפּראַך פון דער ביבלישער צייט, ווי פון דער מלכים־צייט און דער חשמונאים־צייט. אין די חד גדיא ס, ווי אין די מי יודע'ס און אַנדערע פיוטים, הערען מיר דעם יודענ'ס שטים פון מיטעל־אַלטער. און ווען מען נעמט נאָך די פרושים צו דער הגדה אינאיינעם מיט'ן דובנער מגיד'ס משל'ים, הערען מיר די שטימען פון די אַמאָליגע פראַנצויזישע, דייטשע און פוילישע יודען, אַזש ביז צו דער לעצטער עפּאָכע.

און דעם סדר־טיש האָבען צוזאַמענגעשטעלט לעבעדיגע ריהרענדיגע פינגער פון פערשיידענע צייטען; די פרומע פינגער פון אַ יודען אין דער צייט פון די אַנשי כנסת הגדולה, ווי די פינגער פון די שפּאַנישע אַנוסים, ווי אויך די צאַרטע ליליען־דורכזיכטיגע פינגער פון אונזערע אַלטע שעהנע פרומע ווייבער, די צנועות, די „אשת חיל'ס", און די פיינע פינגערלעך פון די אַמאָליגע כלה־מיידלעך. זיי, די פרויען, האָבען אַמאָל, פאַרצייטען, געשטריקט די טישטעכלעך צו בעדעקען די מצה, זיי האָבען אַריינגעטראָגען די שעהנקייט און די איידעלקייט אין דעם פלאַן פון כוסות־שטעלען, און אין דער ווייכקייט פון הסבה־בעט, און אַלץ צו וואָס עס מעג זיך צורידהרען אַ פרויען־האַנט.

אַ סך, אַ סך געדאַנקען רופט ביי אונז אַרויס דער פסח. זאָל זיי אַליין דער לעזער ווייטער שפּינען...

# יודישער פריהלינג.

דער הימעל האָט שוין אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם גראָהען ווינטערדיגען קאָליר, די וואָלקענדלעך ווערען וואָס אַ טאָג לויטערער און דורכזיכטיגער. עס לאָזען צו אונז פון איבען די בלאָהע קלאָרע אויגען פון פאַסענווייז לויטער געוואָרענעם הימעל, און צווישען גאָט׳ס בלאָה-ווייסען טעפּיך און זיין טונקעלן פייכטען פוסבענקעלע פליהען אַרום ווי פייגלען די מיליאָנען-מיליאַסען פריהלינגס-שטראַלען.

ניין, נישט ווי פייגלען, — זיי זיינען נאָך נישט ברענענדיג-שפּיציג, זיי בריהען נישט און בראָטען. זיי זיינען ווי די שטיפערישע קינדערשע חנ׳עוודיגע שפּרינגערייען, וואָס וואַרימען אונז מיט אַ מי׳דען נחת, וואָס רופען אַרויס אויך אויף די בלייכע ליפּען און אין די האַלב-פערלאָשענע בליקען אַ זיסען שמייכעל, אַ פרעהליכען שיינדעל.

דער פריהלינג פאָהרט צו אונז אויף שטילע גומענע רעדער, ער פאָהרט און פאָהרט, פאַמעליך, רוהיג, און ווי ער קומט צו פאָהרען, מאַכט אַן איבערקעהרעניש, אַזאַ מין רעוואָלוציע, וועגען וואָס עס חלומ׳ען די גרויסע מענשען-פריינד און די ווייכע הערצער, וואָס קאָנען קיין בלוט נישט זעהן.

עס צעשמעלצט דער אייז פון די טייכען, און אַלע קאַלטע פערפראָרענע אייזיגע צודעקען ווערען בעלי-תשובות און צוגיסען זיך אין ווייכקייט און אין האַרציגקייט איבער דער פרוכפּערדיג געוואָרענער גראָהער ערד.

אַפילו די רינשטאָקען און די לוזשעס בעקומען מיט אַמאָל לייטישע פנימ׳ער.

דער פריהלינג האָט געדרייניגט זייערע וואַסערן, האָט זי געמאַכט

לעבעדיגער, ריהרעוודיגער און האָט זיי הורכּנעצויגען מיט די גילדענע פֿעדעם פֿון אַ זון, וואָס איז ספּעציעל בעשאַפֿען געוואָרען פֿאַר די ערשטע טעג פֿון איהר יוגענד-צײַט.

עס שטעקען אַרויס פֿון דער ווייך-געוואָרענער ערד די יונגע גרעזעלעך זייערע שפּיציגע קעפּעלעך און קוקען מיט זייערע גראָזענע אויגען, צי איז שוין פֿאַרבײַ די געפֿאַהר, צי האָט זיך שוין געענדיגט די מלוכה פֿון דער הכּרה שנייעלעך, און צי זײַנען שוין געקומען צו לויפֿען די שטיפֿערישע זונען-שטראַלכעלעך, זייערע אַלטע פֿרײַנד און העלפֿער אין דער נויט?

און מיט פֿערוואונדערטע מײַלכעלעך קוקען די ערשטע שפּראָצונגען פֿון די נאַקעטע בוימער איף אַ וועלט, וואָס זיי האָבען דאָס קיינמאָל נישט געזעהן, און וואו עס איז אַ מחיה צו לעבען.

* * *

דאָס איז דער פֿריהלינג בכּלל, אַפֿילו פֿאַר יודישע יונגלעך אויך.

דען דער יודישער יונגעל איז נאָך נישט קיין גאַנצער יור, ער איז מעהר אַ שפּראָצונג אויף אַ נאַקעטען אַלטען בוים, ווי דער בוים אַליין.

ער קוקט אויך מיט אַ פֿערוואונדערט מײַלכעל איף די שניילעך וואַסער אין די רינשטאָקען, וואָס יאָגען און אײַלען נישט ערגער, ווי אַן אמת טײַכעל, און וואו עס לויפֿען זײַנע שיפֿען נישט ערגער, ווי אויפֿ'ן ים הגדול.

אויך ער בעקענט זיך נאָר איצט מיט אַ וועלט, וואו עס איז אַ מחיה צו לעבען און וואָס איז נאָך נישט געטיילט אין לענדער און פֿעלקער, וואָס האָט נאָך נישט קיין לאַנד-קאַרטע, מיט אַלערליי רויטע, בלאָהע, גרינע און גראָהע לאַטעס אויף זיך.

פֿאַר'ן דערוואַקסענעם יודען אָבער איז דער פֿריהלינג שוין נישט אַלע מאָל אַזאַ געהויבענע זאַך.

בעגלויביגטע מענשען זאָגען, אַז דער אַלטער בוים, וואָס שטעהט נישט ווײַט פֿון בית-עולם, האָלט אויך נישט שטאַרק פֿון פֿריהלינג. ווען דער בוים וואָלט האָבען לשון, — האָט ערקלערט אַמאָל דער קבֿרות-מאַן, — וואָלט ער אפשר אויך פֿערביטערט דאָס לעבען פֿון די יונגע שפּראָצונגען.

ער ווייס, אַז ביים ערשטען שטורעם וועלען זיי פאַלען צו דר ערד, ווי אַ פערטריקענט צווייגעל, וואָס איז פערדאַרט געוואָרען פון דאָרשטיגקייט.

פאַר'ן דערוואַקסענעם יודען איז דער פריהלינג די צייט, ווען עס האָבען זיך געענדיגט אַלע טערמינען, און מען מעג שוין טרייבען פון די דערפער און די שטעט.

ס'איז אויך די שענע צייט, ווען מען צוימט אָב פאַר איהם מיט אַלערליי גראַטעס די דאַטשעס אויף די דערפער, די גרינע פעלדער הינטערן שטאָט, דעם שטילען בריי'ען אָרט, וואו ער וואָלט זיך צוזאַמען מיט זיינע קינדער געקאָנט אויסרוהען אַ ווייַלע, אָנעטעמען זיך מיט אַ פרייער לופט אויף אַ גאַנץ ווינטער, ווען ער וועט ליגען פערשפאַרט אין דער שטיקענדיגער אַטמאָספערע פון שטאָט.

עס איז אויך דער יום-הדין, ווען איטליכער יוד דערפיהלט דעם טעם פון דעם קומענדיגען שטעהן אין צופיקעניש ביי אַ שוועל פון אַ שול; ווען ער נעהמט זיך אָן מיט מוט און מיט אַ רציחה'שען כח אַריינצוברענגען סוף זומער זיין קינד אין ערגיץ אַ שול; ווען ער ווערט משוגע, קלערענדיג אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט וועגען אַלע די קומענדיגע הוצאות, וואָס עס פאָדערט אַ דאַטשע (צוזאַמען מיט מתנת יד, אויף צו מעגען וואוינען דאָרט), וואָס פאָדערן די ספעציעלע לעהרער אויף פאָרצוברייטען אויף זיכער זיין קינד אין אַ שול (צוזאַמען מיט..).

קורץ, דער פריהלינג ביי אַ דערוואַקסענעם יודען איז, ווייַט נישט די פאָעטישע געשטאַלט, וואָס מאָהרט אויף גומענע רעדער.

ער קלאַפט איהם אין די אויערן ווי אַ וואָגען אויף אַ שלעכט געברוקירטער גאַס.

און ער איז מקנא פון גאַנצען האַרצען די משה'לעך און פייוועלעך, וואָס זיינען נאָך ווי די שפּראָצונגען אויס'ן נאַקעטען בוים, און זיינען אַזוי פערטאָן אין דעם עסק פון לאָזען שווימען די שיפלעך איבער'ן רינשטאָק, וואָס איז זייער ים הגדול.

# אין א רעגען=טאג.

— דער זומער האָט אונז אָפּגענאַרט, — האָט ער מוטלויז גע־זיפֿצט דורך די ציינער און זיין מאַט אויג האָט זיך אַ קוקער געטאָן צום פֿענסטער, וואָס איז געווען טונקעל, איבער דעם רעגען־נעץ, וואָס האָט פֿול געמאַכט דעם גאַנצען הלל אין דער אָפּגעשטאָרבענער גאַס.

— אין אַזוינע רעגען־טעג, — האָט ער ווייטער גענודעט, — ווילט זיך אַראָפּציהען די גאַרדינען אויף די פֿענסטער, מאַכען אין מיטען טאָג — נאַכט, אָנצינדען אויפֿ׳ן שרייב־טיש אַ פּאָר סטעאַרין־ליכט און פֿערגעסען, אַז עס איז דאָ אַ טאָג אויף דער וועלט.

— דו רעדסט דאָך שוין גאָר מיט איובֿ׳ס לשון! — האָב איך נישט ווילענדיג אַ שמייכעל געטאָן.

מיין איראָנישער טאָן האָט איהם אַ ביסעל אויפֿגעטרייסעלט פֿון זיין אַפּאַטיע, און ער איז לעבעדיגער געוואָרען.

— דו ביסט טאַקע גערעכט, אין מיין טאָן הערט זיך אַ שטי־קעל איובֿ. אין די דאָזיגע רעגען־טעג פֿיהל איך זיך ווי אַ שערבעל, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפֿען אין מיסט־קאַסטען, ווי אַ מצורע, וועמען עס איז בעשערט שטענדיג זיך צו קראַצען אין די אייגענע וואונדען. דער רעגען־נעץ, וואָס פֿערשטעלט מיר שוין דריי טעג ווי מיט אַ פֿאָרהאַנג דעם זומער, די ליכטיגע שפּראָצענדיגע וועלט, דעם חן פֿון די ליבליכע יונגע בעוועגונגען אין דער נאַטור און אין דעם זומערדיגען מענשען, האָט מיך ווי פֿערשפּאַרט אין אַ פֿינסטערן געצעלט. איך בין עפּיס אין אַ מין נח׳ס תּיבֿה, וואו מען הערט נאָר די רייסעריי פֿון די חיות און עופֿות אין איהר.

— ער האַלט שוין בײַ נח'ס תּיבה, — האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו איראָנידירען.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט ער זיך שוין אַ בייזער געטאָן, — פון נח'ס תיבה וועל איך נאָך געהן ווײַטער אַהינטער. איך וועל נאָך דערגרייכען ביז צו דעם טאָג, ווען אַלץ איז געווען „תהו ובהו”, און אַפילו אַ רוח האָט נישט אַרומגעשוועבט „אויפ'ן אָנגעזיכט פון די וואַסערן”.

אַזוינע רעגען-טעג מאַכען פון אַלץ אין אונזער נשמה אַ „תהו ובהו”. ווען דאָס רעגענדעל פּאַטשט פון פריה ביז בײַ-נאַכט און זינגט זײַן נודנע פּײַכטע מעלאָדיע, צעפּאַטשט עס אין אונז אַלע אונזערע פּלענער און אונזערע האָפענונגען.

ווען איך זאָג: דער זומער האָט אונז אָפּגענאַרט — מיין איך נישט גראָד דעם איצטיגען זומער. איך מיין אַלע מײַנע האָפענונגען, פּלענער, געדאַנקען-צײַלען, אויף וואָס איך האָב געבויט מײַן לעבען.

ווען איך וויל איצט מאַכען נאַכט פון מיאוס'ן טאָג און אָנצינדען ליכט, איז עס דעריבער, ווײַל איך בּיהל זיך איצט ווי אַן אָבל און וויל בײַ דעם אומעטיגען שײַן פון ליכט בעטרויערן עפּיס אַ טײַערן נפטר, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אַ לעבעדיגער אויסגעגליטשט פון מײַנע הענד, און ליגט איצט ווי אַ מת צו מײַנע שטרויכלענדיגע פיס.

ווען איך דערמאָן זיך איצט אָן נח'ס תיבה, איז עס דערפאַר, וואָס אין אַזוינע נודנע טויטענדיגע רעגען-טעג כאַפּען זיך אויך אין מײַן נשמה אַלע חיות, אַלע שרצים און רמשים, פון וועלכע איך הער נישט קיין פּיפּס אין די זוניגע זומער-טעג און אין די פרישע קלאָרע ווינטער-טעג.

און ווען איך בין פערקראָכען ביז'ן ערשטען טאָג פון מעשה-בראשית, האָב איך דאָס צו פערדאַנקען מײַן אויסגעליידיגטען נפש און מײַן פערטריקענטען הארץ, וואו אַלץ, אַלץ איז אַזוי אָהן ממשות, וואו דער מיאוסער תהו ובהו געניצט ווי אַ פינסטערע גרוב...

. . . . . . . . .

 צי האָבען מיך אָנגעשטעקט די רייד פון מײַן פרײַנד, צי

האָט אויך געווירקט אויף מיר אַזוי דער רעגען־טאָג, — נאָר מיט אַמאָל האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ שטאַרקער אימעט פון מײַן האַרץ, און איך האָב אַליין נישט בעמערקט, ווי איך האָב אָנגעהויבן הער׳ן מיט אַ וויינענדיג קול איוב׳ס ווערטער: „פערשאָלטען איז דער טאָג, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען, ווען מענשען זײַנען געקומען מיט שמחה דערצעהלען: אַ יונג מענשעלע איז געקומען אויף דער וועלט“.

# אין די זומערדיגע פֿאַרנאַכטען.

אין די זומערדיגע פֿאַרנאַכטען געהט ניט איינער אַליין דורך די גאַסען.

געהט איהר אַרויס אין די אַלייען, אָדער פֿערבלאָנדזשעט אייער פֿוס אין איינעם פֿון די גערטנער, וואו פֿאַרנאַכט ווערט נאָך די ליבליכע פֿינסטערניש געדיכטער און ליבליכער, און די פּאָרלעך גיסען זיך צונויף מיט בוים, צווייג, בלאַט, נאַכט אין שאָטען — נעמט עמיצען מיט זיך מיט.

נעמט מיט אַ פֿריינד, אַ חבר, אָדער דעם ערשטען בעקאַנטען, „אַז איהר טרעפֿט אויפ'ן וועג. און האָט איהר דאָס אויך נישט, נעמט כאָטש מיט מיט זיך אייער געטרייען הונט, וואָס וועט מיטגעהן מיט אייך, ווי אַ שטומער עדות פֿון אייער פֿערבענקט האַרץ, און וואָס וועט לעקען מיט ליבע אייער האַנד, ווען אין אייער געמיט וועט זיך צעגיסען די מעלאָדיע פֿון פֿאַרנאַכטיגע הייליגע, ציטערדיגע און איינגעהאַלטענע שטימען, וואָס זיינען געוויקעלט אין פֿלאַטערדיגע שאָטענס.

אין די זומערדיגע פֿאַרנאַכטען געהט ניט איינער אַליין דורך די גאַסען.

זייט איהר נישט גליקליך, וועט איהר ווערען נאָך צעהן מאָל מעהר אומגליקליך.

זייט איהר פֿערבענקט, וועט נאָך אייער בענקשאַפֿט זיך טויזענט מאָל מעהר צעוואַקסען, וועט גרויס ווערען, ווי אייער שאָטען פֿון דער נאַכט, ווען דאָס ליכט פֿאַלט אויף אייך פֿון אַ ווייטען, ווייטען לאַמטערן.

איז אַוועק אייער טאָג אין גראָהע דאגות, און עס ווייזט אין בעט זיך דאָס האַרץ כאָטש אַ קאַפּיטשקע נחת, אַ ביסעלע גליק —

װעט נאָך אין אײער האַרצען שטאַרקער װערען דאָס געװײן, און דאָס געבעט װעט שױן זײַן קײן שעפּטשען מיט די לעפּצען, נאָר אפֿשר אַ קריטשען מיט די צײהן.

זומערדיגע פֿאַר־נאַכֿטען, װאָס פֿאַר אַ פֿײַניגער איהר זײַט!

דאָס געטליכֿע נעץ װערט גרעדיכֿטער און געדיכֿטער. די װעלט װערט נאָך פֿערחלומ׳טער, און מיר װערען אַלײן, װי דער שלאָפֿער בײַ־נאַכֿט.

איז בײַ־טאָג דאָס לעבענס־נעץ געװען פֿאַר אונז קלערער, האָבען מיר אין איהם בײַם שײַן פֿון דער זון און בײַם גראָהען אַרבײטס־װאַרשטאַט געזעהן די הױלע גלאָצענדיגע לעכֿלעך אין נעץ — װערט דאָס בײַ־נאַכֿט אַנדערש.

און מיר, די נאַרען, מײנען שױן מיט אַן אמת, אַז דאָס לע־בען איז נישט קײן לעבֿעדיגע זיפּ, נאָר אַ ליבע מתּנה פֿון גאָט, װאָס איז אײַנגעװיקעלט אין די לופֿטיגע, דינע, פֿײַנע, זײַדענע גע־װעבען פֿון אַ קיניגליכֿען מאַנטעל.

װי שטאַרק און מעכֿטיג עס װילט זיך דעמאָלט לעבען אין דעם מאַנטעל פֿון אַ פּרינץ!

װי גרױס איז די בענקשאַפֿט אַרױסצולעגען דעם מידען, פֿער־חלומ׳טען קאָפּ אין דעם שױס פֿון אַ נאַכֿט, װאָס איז װי דער שױס פֿון אַ יונגער, שענער מאַמע, װאָס איז אױך דער שױס פֿון אַ לאָקענדיגער געליבטער, װאָס פֿינטעלט מיט די זיסע און ליבע ממזרי־שע װײכֿע בליקען.

און דעריבער זאָג איך דיר, מענש, גײה נישט אַרױס אַלײן פֿאַרנאַכֿט מיט דײַן גרױסער בענקשאַפֿט אין די גאַסען...

בעהעפֿט דיך צו דעם ערשטען בעקאַנטען, װאָס דו טרעפֿסט, צו איטליך מיאוס מײדעל פֿון דײַנע קרובֿים, װאָס דו בעגעגענסט, און שטעק אַרײַן דײַן אָרעם אונטער׳ן צװײטענס אָרעם, און װאַנ־דערט, װאַנדערט אינאײנעם...

עס װעט דיר דאַן לײַכֿטער װערען. דײַן בענקשאַפֿט װעט זיך באָדען אין אַ צװײטענס און װעט זיך קיהלען מיט אַן אָנגענעמער קיהלקײַט.

דו װעסט זיך נישט פֿיהלען אַזױ פֿערלאָזען אין אַ װעלט,

וואָס ווײַזט דיר געטלי̇כע שוואַרצע קונסט, ווען דאָס לעבען איז אַזוי גוט, אַזוי ליב, אַזוי ווערט, אַז מען זאָל צוליב איהם ליַידען און ליַידען, כאָטש מען לאַכט פון דיר אויבען, אין דו שטאַרבסט אַן אייביג-געטאַרטער.

דעריבער, אין די פינסטערע פאַרנאַכטען בלאָנדזשע גישט אַליין דורך די גאַסען און שטאָט-גערטנער...

# דער וואַלד.

עס איז אַן אַלטער כּלל בײַ יודען, אַז צו גרויסע מענשען קומען בײַ-נאַכט די מלאָכים, אָדער די „מגידים", וואָס ברענגען אַרײַן קלאָרקײַט אין די פֿערנעפּעלטע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך בײַ די גדולים געפּלאָנטערט אין מח בײַ-טאָג.

איך מוז איך זײַן אַזאַ מין גדול. דען הײַנט בײַ-נאַכט איז צו מיר אַ „מגיד" געקומען און האָט מיר אַנטפּלעקט אַזוינס, וואָס האָט מיך אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט שלאָפֿען.

צי האָב איך דאָס גאָר געקאָנט פֿאָראויסזעהן, אַז דאָס, וואָס איך בין אַ גאַנצען טאָג אָבגעלעגען פֿויל אין אַ האַלבען דרעמיל אין וואַלד, וועט פֿון מיר צונעמען די גאַנצע נאַכט.

אָ, די „מגידים!" קיין טויער און קיין ריגעל איז פֿאַר זיי נישט זיכער, און ווען דו מאַכסט אַפֿילו צו אויפֿצופֿלײַסען די אויגען-לעפּעלעך, טרעטען זיי אויך נישט אָב פֿון דײַן בעט.

ווי שען, שטיל און פּאָעטיש האָט מיר אויסגעזעהן דער וואַלד בײַ-טאָג!

בײַ דעם בערגעלע, אויף וועלכען איך האָב זיך אַ בעט געמאַכט, האָבען אַזוי תּמימות'דיג שטיל געזשומעט אַלערליי בהמ'לעך און רמשים'לעך מיט פֿליגעלעך אויף די פּיצינקע קערפּערלעך.

ווי שטאָלץ, זיכער בײַ זיך און צופֿרידען אַזוי ווײַבעריש-נערוועז האָבען זיך אויסגעשטעלט פֿאַר מיר די סכך-בוימער, די סאָסנעס און די אָסינעס (עספּען), און ווי שען האָבען זיך אָבגעשלאָגען די בלוטיג-רויטע ווילדע יאַגדעס אַקעגען דעם גרין, אין דער הויך, און גראָה-ברוינער פֿאַרב אונטער מײַנע פֿיס.

די רוהיגקײַט פֿון וואַלד האָט זיך צעגאָסען אין אַלע מײַנע

גלידער און, אײַנדרימלענדיג, האָט זיך מיר צײַטענווײַז געדאַכט, אַז איך בין אַליין שוין כמעט אַ בוים, מיט אַ בוימישער נשמה און מיט דער בוימישער רוהיגקײַט אין אַלע מײַנע אבֿרים.

איז אָבער געקומען צו מיר בײַ־נאַכט דער מגיד און האָט מיר אַנטפּלעקט דעם סוד פון וואַלד.

— נישט דער בוים איז דער וואַלד, — האָב איך דערהערט זײַן ערנסטע און כמעט טרויעריגע שטים, — נאָר זײַנע וואָרצלען.

די רוהיגקײַט, וואָס דו פיהלסט אין וואַלד, איז נאָר די רוהיגקײַט פון דעם פערד'ס עק, ווען זײַנע פיס לויפען אין גאַלאָפּ.

דער וואַלד, זאָלסטו וויסען זײַן, לעבט מיט'ן קאָפּ אַראָב. זײַן קאָפּ זײַנען די וואָרצלען, וואָס הערען נישט אויף אויף אַ רגע צו אַקערן און גראָבען דאָס אינגעווייד פון זייער שפּײַזער און שונא, פון דער פינסטערער ערד.

אַקוראַט ווי בײַ אונז איז דער קאָפּ דער אָרט, וואו עס האָבען זיך צעלעגט אַלע אונזערע חושים, אַזוי איז איך בײַם בוים — דער וואָרצעל. דער וואָרצעל זעהט, שמעקט, הערט און טאַפּט. אפשר דענקט ער אויך נישט ערגער פאַר דײַן קאָפּ.

אויבען איז דער וואַלד רוהיג, — ווײַל דאָס, וואָס דו זעהסט, איז נאָר ד ע ר ע ק פ ו ן ו ו אַ ל ד. מען האָט איהם פערפלאַנצט מיט'ן קאָפּ אַראָב אין ד'ערד אַרײַן און דו, נאַרישער מענש, מיינסט, אַז דעם וואַלדס קאָפּ איז אויך דאָרט, וואו דײַנער.

ווען דו וואָלסט נישט געווען אַזוי אײַנגעבילדעט, ווען דו וואָלסט נישט געקלערט, אַז די גאַנצע שאַפונג האָט נאָר איין פּלאַן, — וואָלסטו זיך נישט צוגעהאָרכט צו דעם רױשען פון וואַלדס עק, נאָר דו וואָלסט חרכֿגעפּאָרשט דעם וואַלד פון וואָרצעל, נישט פון שטענעם, גרינעם, שטילען פּאָעטישען צווײַג.

און דעמאָלט וואָלט דער וואַלד דיר אויסגעוויזען צו זײַן דער אָרט, וואו די רוהיגקײַט האָט זיך אַ פּלאַץ אויסגעבויט, אַ פּלאַץ מיט לעבעדיגע, שטאָלצע בוימער־זײַלען.

מײַן מגיד איז אַ ווײַלע אַנטשוויגען געוואָרען און, אַ פּאָך טוענדיג מיט דער האַנד פאַר מײַנע אויגען, האָט ער עפּיס ווי אַ דינעם נעפּעל אַראָפּגעצויגען פון מיר, און איך האָב מיט אַמאָל

דערזעהן עפּיס אַזוינס, פון וואָס מיין האַרץ איז אינגאַנצען פערגליווערט געוואָרען.

די ערד אין וואַלד איז געוואָרען פאַר מיר מיט אַמאָל דורכזיכטיג ווי אַ גלאָז, און אונטערן גלאָז האָב איך מיט אַמאָל דערזעהן אַזאַ ווילדען אַכזריות׳דיגען קאַמף, אַזאַ משוגע׳נע בלוטיגע רשעות, אַזאַ מורא׳דיג געשלעג, אַז עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

דאָס האָבען אַכזריות׳דיג געקעמפט די וואָרצלען און וואָרצעלעך פאַר אַ טראָפּען וואַסער, פאַר אַ קערנדעל זאַלץ, פאַר אַ קליינער באַקטעריע, וואָס האָט געדינט בּיי זיי, ווי בּיי אונז אַמאָל, אַן אייביגער שקלאַף.

און אין מאַנכע לעכעלעך פון דער ערד, וואו עס דרינגען דורך אַ פּאָר אָרימע, שוין פערפינסטערטע זונען־שטראַהלען איז דאָס שטופּעניש, דאָס דריקעניש און די רייסערייען פון די וואָרצעלעך געווען אַזוי ווילד, ווי, למשל, בּיי אונז מענשען, ווען צוויי אַרמייען שלאָגען זיך אויף צו פערנעמען איינער בּיים אַנדערן אַ פעסטונגספאָרט.

דאָס, וואָס מיינע אויגען האָבען דערזעהן, האָט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט אויף מיר, אַז דער וואַלד מיט זיין רוהיגקייט האָט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר מיר פאַר׳ן גרעסטען גזלן, וואָס עס געפינט זיך נאָר אויף דער ערד.

איך האָב געוואָרפען אַ בעטענדיג בּליק אויפ׳ן מגיד, וואָס האָט אויראָניש מיך בעטראַכט, און האָב קוים אַרויסגערעדט:

— צו וואָס נעמסטו צו פון מיר דעם וואַלד, מיין וואַלד?...

דער מגיד האָט אַ שמייכעל געטאָן און קאַלטבלוטיג געענטפערט:

— קיינער נעמט פון דיר דיין וואַלד נישט צו, ער וועט בּלייבען שטענדיג דיינער.

נאָר ווייס, אַז חוץ דיינעם איז נאָך דאָ אַ צווייטער, וואו די בּוימער זיינען מעהר נישט ווי דער עק פון אַן איבערגעקעהרט אַכזריות׳דיג בעשעפעניש.

# די טעג פון אונזער יחוס.

צו די טעג, וואָס דערמאָנען אונז אונזער אַלטען יחוס, געהערען, חוץ די שבתים, וואָס חוזר'ן זיך איבער פופציג מאָל אין יאָהר, נאָך עטליכע יום-טובים.

צו דעם שבת, וואָס בעקריינט אונזער אָרימקייט מיט אַזאַ זעלטענעם יחוס, האָבען מיר זיך שוין אַזוי צוגעוועהנט, ווענינסטענס אין די גרויסע שטעט, אַז עס מאַכט שוין, ליידער, אויף אונז נישט דעם גייסטיגען איינדרוק, וואָס ער האָט געדאַרפט מאַכען.

אַנדערש איז אונזער בעציהונג צום יודישען יום-טוב, ווען אויך נישט צו אַלע יום-טובים.

נישט דאָ איז דער אָרט, זיך צו פערטיפען אין דער פראַגע, פאַרוואָס טייל טעג אין יודישען יאָהר, ווי פסח, ראש השנה, יום-כפור, און די לעצטע צייט — חנוכה, — האָבען נאָך נישט פערלוירען פאַר אונז זייער גאַנצען אַמאָליגען גלאַנץ; פאַרוואָס אין די דאָזיגע טעג הויבט אָן צו שלאָגען אַ „יודישער אָדער" אין אַזוינע הערצער, וואָס ווילען אַ גאַנץ יאָהר נישט וויסען פון זייער יודישקייט און פון זייער אַלטען היסטאָרישען יחוס.

נאָר דאָס איז אַ בעקאַנטע זאַך, אַז ראש-השנה, יום-כפור, קלעקען נישט קיין שולען, בתי-מדרשים און מנינים, אום אַריינעמען אין זייערע פיר ווענט די טויזענטער, טויזענטער גאַנצע און האַלבע יודען, וואָס זיי האָט זיך מיט אַמאָל פערגלוסט אַ חזן, אַ פריידיגער, אַ מחזור און אַ ספר-תורה'לע.

אין די גרויסע אייראָפּעאישע הויפט-שטעט זעהט מען אין די דאָזיגע טעג, ווי עס זיינען מיט אַמאָל בלינד געוואָרען די שענסטע מאַגאַזינען און קאַפע-הייזער; ווי די בערזע, וואו עס שווימעלט און גריבעלט פון אונזערע יודעלעך, איז עפּיס פער-

יתומ'ט געוואָרען; ווי אויף די ברייטע טראַסען פֿון בערזען־פּאַלאַץ שפּרינגען אַרום ראָבען און פֿערשפּעטיגטע וואַנדער־פֿויגעל; ווי גרויסע געצעלטען פֿון אַלערליי מוזיק־זאַלען און קאַפֿע־שאַנטאַנס ווערען מיט אַמאָל פֿערוואַנדעלט אין די פֿרומע געצעלטען פֿון יעקב'ן, וואו עס שטעהט אַן ערנסטע עדה יודען אין צילינדערס און טלית'לעך אויף זייערע קעפּ און אַקסלען.

אין די דאָזיגע טעג בלעטערט דאָרט דער נעכטיגער לעבע־יונג נישט אין פּראָגראַם־ביכעל פֿון אַ קאָנצערט אָדער פֿון אַ מיוזיק־האָל (וואַריעטע־טעאַטער), נאָר אין אַן אַלטען מחזור, וואו ער איז נעבּיך אַ סך וועניגער בעהבינט, ווי אין די פּראָגראַמען פֿון אַ קאַפֿע־שאַנטאַן־טעאַטער.

וועלכע געפֿיהלען האָבען מיט אַמאָל געצוואונגען דעם פֿערטאַראַמטען יודען, וואָס פֿיהלט זיך אַ גאַנץ יאָהר פֿאַר וואָס איהר ווילט, פֿאַר אַן ענגלענדער, דייטש, פּאָלאַק, נאָר נישט פֿאַר אַ קינד פֿון אַ טויזענט־יעהריגען פֿאָלק, — אַז ער זאָל מיט אַמאָל קומען צו אַ גאָטעס־דינסט, אין אַ מקום, וואו זיין פֿוס האָט נאָך נעכטען געטרעטען גאָר מיט אַן אַנדער מחשבה, גאָר מיט אַן אַנדער תאוה?

דאַכט זיך אַז צוויי געפֿיהלען בעהערשען אין די דאָזיגע טעג דעם גרויס־שטעטישען יודען, וואָס האָט אין זיין וואָכעדיגען לעבען פֿערלוירען דעם כאַראַקטעריסטישען נאַציאָנאַלען אָנבליק פֿון זיין גייסטיגען לעבען.

ערשטענס, הויבּט אָן צו בליהען אונטער דעם אַש פֿון זיין אַסימילירטען, פֿערברענטען האַרצען עפּעס אַ רמז'ל אויף אַ שטיקעל רעליגיעזיטעט, און צווייטענס, דערפֿיהלט ער אין אַ האַלבּ־קלאָרען אופֿן אין די דאָזיגע טעג דאָס פֿערגעניגען צו זיין אַ קינד מיט אַ לאַנגען, גרויסען יחוס.

מעגען טענ'ען אונזערע שונאים און די געגנער פֿון אַ יודישער ראַסע, אַז מיר זיינען נישט קיין רעליגיעז פֿאָלק, אַז דאָס, וואָס דער אייראָפּעער רופֿט־אָן „דאָס שטרעבען צו גאָט“, איז ביי אונז להלוטין נישט פֿאַראַן, אַז מיר זיינען ווי די ציגיינער, וואָס וואַנדערווען אין דער וועלט אונטער פֿערשיידענע מאַסקעס, און אַז די הויפּט־זאַך ביי אונז איז נאָר צו מאַכען בערזען־געשעפֿ־

טען און צו האַנדלען מיט אַלטוואַרג, — אָבער טיף אין האַר־
צען לעבט נאָך דער פּונק בײַ איטליכען פון אונז, די הכּרה
און דאָס געפיהל, אַז מיר זײַנען נעהנטער צו גאָט, ווי מאַנכע
פון די הײַנטיגע רעליגיעזע סעקטעס, אַז אונזער בונד מיט איהם
איז פאָרט אַן עלטערער און פעסטערער, ווי מיט אַנדערע פעל־
קער, וואָס האָבען נאָך גאָר נישט לאַנג, זיך וואַרעמענדיג אין
די פעלען פון געהרג'עטע חיות, געאָפּערט צו אַלערלײ שטיי־
נערנע און קופּערנע געצען.

צוגלײַך אָבער מיט דעם רעליגיעזען געפיהל, וואָס מען מוז
מודה זײַן, איז נאָך זעהר שוואַך און קלעקט אפשר נאָר אויף אַ
פּאָר מינוטען אין די „ימים נוראים", הויבט זיך בײַ אונז אויף ווי
אַ שטראָם אַן אַנדער חוש, דער חוש פון אונזער אַ ל ט ע ן ט ו י־
ז ע נ ט - י ע ה ר י ג ע ן יחוס.

קיינמאָל שטאָלצירט נישט דער יוד אַזוי שטאַרק מיט זײַן
פערגאַנגענהײַט, ווי אין די דערמאָנטע טעג, ווען די מצות דער־
מאָנען איהם צײַטען און עפּאָכען, פון וואָס דער הײַנטיגער אײ־
ראָפּעער האָט נאָך אין זײַן געשיכטע נישט געגאָסען, וואָס דער
האָר איז ווערט; און ווען דער שופר רופט אַרויס בײַ איהם אַזוי־
נע אַלטע היסטאָרישע דמיונות, צו וואָס דער דײַטש, דער ענג־
לענדער האָט קײַן שום שײַכות נישט.

דער יוד אין די דאָזיגע יחוס־טעג פון יאָהר פיהלט, אַז
ער איז דער עלטסטער יחסן צווישען די הײַנטיגע אַריסטאָקראַ־
טען, וואָס זייערע עלטער־זיידעס האָבען נאָך געבוקט זיך צו לײמענע
געצען, אין דער צײַט, ווען ער האָט שוין געטראָגען דעם גרע־
סטען אחדות־געדאַנק אין די קנייטשען פון זײַן מאַרך און אין
די פּיבערן פון זײַן האַרצען.

שטעהענדיג ימים נוראים פאַר אַ מחזור, וואו עס האָבען
אײַנגעקריצט זייערע געדאַנקען און האַרצענס־פּײַן אַלטע פערשיי־
דענע עפּאָכען; פאַר אַ חזן, וואָס זינגט מיט די טענער פון אַל־
טע, פערגאַנגענע, טיף־גלויביגע און טיף־טרויעריגע צײַטען; פאַר
אַ ספר־תורה, וואָס עס האָבען שוין מיט עהרפאָרכט בעריהרט
מיט די ליפּען פאַר טויזענטער יאָהרען די גרעסטע גײַסטער פון
זײַן פאָלק; זיך צוקוקענדיג צו אַ גאָטעס־דינסט, וואָס עס האָ־

בען געפּראַוועט אַמאָל פֿאַר טויזנטער יאָרן כּהנים און לוים; זעהענדיק ביים פֿאַלן „כּורעים“ אַ בילד פֿון טויזנטער עולי רגלים, וואָס האָבן אויסגעלענגט מיט זייערע פֿרומע קערפּער די שטיינערנע פּאָדלאָגעס פֿון אַן אייגענעם פּרעכטיגן טעמפּעל — אין אַזוינע מינוטן דערפֿילט דער יוד זיין אַלטן גרויסן יחוס, די הויכקייט פֿון זיין גזע (אָבשטאַם), ווערט זיין ברוסט צושפּאַרט פֿון אַ גליקלעכן געפֿיהל פֿון אַן אַלטן אַריסטאָקראַט, וועמענס פֿאָר־עלטערן האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט אַ וועלט אויסגעשטאָרבענע פֿעלקער, קולטורן, געוועלטיגער, און וואָס האָבן געטראָגן אונטער זייער אַלטערטימלעכן פּורפּורנעם מאַנטעל „דעם גרויסן אמת“ פֿאַר אַ באַרבאַרישער פֿערווילדעטער וועלט, וועלכע האָט איצט די גאַנצע ממשלה.

ער פֿיהלט זיך אין די טעג, ווי דער אַריסטאָקראַט דער יורד קעגן דעם פֿערגרעבטן אויפֿגעקומענעם גביר.

זיין אָרים דערשלאָגן נאַציאָנאַל לעבן פֿון אַ גאַנץ יאָהר בעקומט מיט אַמאָל דעם גלאַנץ, דעם אָבשיין פֿון דער צייט, ווען דער גביר איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, און דער יורד איז געווען דער פֿערשפּרייטער פֿון ליכט, וואָהרהייט און אַ העכערער מאָראַלישער קולטור.

אויב די דערמאָנטע טעג דערהויבן אונז נישט צו אַ טיפֿערער רעליגיעזיטעט, בעלעבן זיי אונז מיט דעם געדאַנק און געפֿיהל, אַז מיר זענען נישט קיין ציגיינער, אַז אין אונזער בלוט פֿליסט דער זאַפֿט פֿון די כּהנים — מלכים, דער גייסט פֿון די, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט מיט אַ געוויסער ש ל י ח ו ת.

און אויך אין דעם דאָזיגן יחוס־געפֿיהל וועט געפֿינען מאַנכער דענקער פֿון יודישן לעבן אַ שטיק אמת'ע רעליגיעזיטעט.

# ארום א גרויסען שאטען.

# טעאָדאָר הערצל.

ווען עס איז אַרויס אָנהויב 1896 הערצלס „יודענשטאַט״, האָט ער נאָר געמאַכט אַן איינדרוק אויף די, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט פֿון ציוניזם.

דער ציוניסט, וואָס האָט שוין געטראָגען מיט זיך די זכרונות פֿון אַ ד״ר פינסקער׳ס „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן״ און פֿון ד״ר בירנבוימס „די ווידערגעבורט דער יודען אים לאַנדע איהרער פֿעטער״, האָט שוין נישט געקאָנט אַריין אין קעלבערנע התלהבות פֿון אַ בראָשורע, וואָס האָט, אין גרונד גענומען, נישט ענטדעקט קיין נייע אַמעריקע, און וואָס האָט איבערגע׳חזר׳ט אַלטע אמת׳ן.

יער וואַרעמער טאָן פֿון דער בראָשורע האָט אויך נישט געקאָנט קאָנקורירען מיט די פֿלאַמענדיגע ווערטער פֿון אַ ד״ר פינסקער, מיט דער טיפֿזיניגקייט פֿון אַ ד״ר בירנבוים.

ניי איז אין איהר געווען דער אַדמיניסטראַטיוו-טעכנישער פּלאַן, וועלכער האָט געדאַרפֿט אָנגעווענדט ווערען, אום אויסצופֿיהרען בפועל אַזאַ נייעס, ווי דעם „יודענשטאַט״.

דער נאָמען הערצל איז געווען צו ענהליך צום נאָמען הערצקא (אויך אַ ווינער יוד), וואָס האָט גע׳חלומ׳ט פֿון אַן אוטאָפּיסטישען „פֿריילאַנד״, און טייל האָבען געזעהן אין הערצלס „יודענשטאַט״ אַ נייע אוטאָפּיע, אַ נאַציאָנאַל-יודישע אוטאָפּיע, ווי יענע איז געווען אַ ריין-סאָציאַליסטישע.

הערצל און הערצקאַ זיינען דערביי געווען ווייט פֿון די אַלע פֿעלקער-פּסיכאָלאָגישע פֿראַגען, וואָס בעשעפֿטיגען יעדען נאַציאָנאַליסט.

ביידע האָבען בעטראַכט די מאַסע אַלס אַ טויטע מאַטעריאַל,

וואָס האָט אפשר נאָר איין אינטערעס: רוהיג צו פּערדינען און רוהיג צו פערצעהרען דאָס פּערדינטע.

הערצל אין „יודענשטאַט“ איז, ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט וועגען איינעם אַן אוטאָפּיסטישען געגנער זיינעם, דער „באַראָן הירש אָהן די מיליאָנען“, ד. ה. אַ גרויסער פילאַנטראָפּ, וואָס וויל פערגרינגערן דאָס עלענד פון די אָרימע יודען.

אַלע פאָרשטעלונגען פון אַ יודישער נאַציע, פון אַ יודישער קולטור פערנעמען ביי איהם קיין אָרט נישט.

ער בויט טעכנישע פּלענער, ווי צו ראַטעווען אַ פאָלקס־גייסט פון אונטערגאַנג און נישט מעהר.

דערביי מאַכט דער „יודענשטאַט“ אַן איינדרוק, אַז ער איז געשריבען פון אַ מענשען, וואָס האָט נאָר ליב צו געבען אַן עצה, מיינט אָבער, הלילה, נישט זיך אָבצוזאָגען פון זיינע פריהערע געוועהנהייטען, און אַליין פערזענליך זיך אַריינמישען אין אַזאַ פער־פלאָנטערטען ענין, ווי די יודען־פראַגע.

די ווירקונג פון „יודענשטאַט“ אויף דעם ציוניסטען וואָלט געווען גלייך גול, ווען הינטער דער תמימות'דיגער בראָשורע וואָלט ניט געשטאַנען אַ פ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט, די גרויסע פערזענ־ליכקייט פון ד"ר ה ע ר צ ל.

* *
*

טייל מענשען האָבען שוין אַזאַ מזל, צו זיין גרעסער, ווי מען קאָן דאָס ערוואַרטען פון זייערע שריפטען.

הערצל געהערט צו די מענשען.

לייענט מען זיינע שריפטען, סיי די ציוניסטישע, סיי די אַלגעמיינע — קאָן מען נישט בעגרייפען, ווי האָט געקאָנט אַזאַ אָדם גדול זיך אָבגעבען מיט אַזעלכע קליינע שאַפונגען.

סיי די ציוניסטישע, סיי די אַלגעמיינע שריפטשטעלעריי זיי־נע גיבען נישט קיין בעגריף פון דעם וואונדערבאַרען הערצל.

אין איין נויג מיט'ן קאָפּ, אין איין בליק זיינעם — איז געלעגען אַ סך מעהר, ווי אין גאַנצען „געטאָ“ און זיינע אַנדערע דראַמעס.

גראַד דאָס, מיט וואָס ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיין קורצען לעבען — מיט דער קראַפט, וואָס ער האָט פערמאָגט, צו־צוציהען, ווי מיט אַ מאַגנעט, אַלערליי מענשען פון פערשיידע־נע קלאַסען, פון פערשיידענעם עלטער, — גראַד דאָס געפינט מען נישט אין זיינע שריפטען.

הערצלס אָנציהונגס־קראַפט איז דאָך געווען אַזוי גרויס, אַז נאָר ער אַליין מיט זיין אויסערן הדרת פנים האָט שוין אַריינ־געבראַכט אָרדענונג אין צעזייהטען און צעשפרייטען יודענטום.

אַלץ איז געווען ביי איהם שען, האַרמאָניש און גרויס־אַרטיג.

קוקענדיג אויף הערצלען, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין איהם זעהען מיר אַ לעבעדיגען מוסטער פון דעם אַמאָליגען, היסטאָרישען האַרמאָנישען יודען.

און אויך פון דעם צוקונפטיגען געזונטען שטאַרקען קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט ווידער געפונען דעם וועג צו זיין פאָ־טערלאַנד.

וועניג היסטאָרישע בעוועגונגען זיינען געווען ביים יודישען פאָלק, וואָס האָבען פלוצלונג פעראייניגט פערשיידענע קלאַסען, שטאַנדען און פערשיידענע עלטערס. דאָס צעזייהטע און צעשפריי־טע יודענטום האָט זעלטען ווען בעקומען אַן אַנטראַקציאָנס־צענטער, צו וועלכען עס ציהען זיך אַלע הערצער. דער אַלוועלטליכער ציוניזם איז געוואָרען פלוצלונג אַזאַ אָנציהונגס־צענטער.

און ס'איז אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען דעם ציוניזם אָהן אַ הערצל־געשטאַלט.

הערצלס געשטאַלט האָט נישט אַזוי געווירקט אויף אונז דורך איהר קלוגשאַפט, טיפקייט, אָדער דורך דעם נייעם אמת, וואָס זי האָט אונז געגעבען, נאָר דורך עפּעס אַן אומבעגרייפ־ליכער קראַפט, וואָס מענשען רופען דאָס שענהייט, אידעאַלע האַרמאָניע.

ווען אַ סמיטשיק רירט אָן די סטרונעס פון אַ פידעל, הויבען אָן די צעשפרייטע זעמדעלעך אויף דער פאָדלאָגע זיך צו בעוועגען, און אַמאָל זעהען מיר, ווי די צעוואָרפענע זעמדעלעך לעגען זיך אוים מיט אַ סדר, אויסמאָלענדיג גאַנצע פיגורען.

דאָס איז אַ פֿאַקט, וואָס איטליכער, וואָס האָט געלערנט פֿיזיק, ווייס דאָס אויסגעצייכנט.

הערצל איז געווען אַזאַ מין גייסטיגער פֿידעל־טאָן אין דעם דעזאָרגאַניזירטען יודענטום.

די צעשפּרייטע זעמדעלעך פֿון אַ פֿערוואָגעלט פֿאָלק האָבען זיך גענומען פּלוצלונג אָרגאַניזירען און בילדען שענע נאַציאָנאַלע פֿיגורען.

הערצל האָט מעהר געווירקט מיט'ן טאָן פֿון זיין שטים, ווי מיט דער לאָגיק פֿון זיינע רייד, מעהר דורך זיין האַלטונג, מעהר דורך זיין בליק, ווי מיט ווערטער.

גרויס איז ער געווען אַלס ט ו ע ר, נישט אַלס ר ע ד נ ע ר. אין זיין ט ו ן איז מעהר געווען אויסגערעכענטקייט, טיפֿקייט און טאַקט, ווי אין זיינע רעדעס אויפֿ'ן קאָנגרעס.

דער, וואָס בעאורטיילט הערצלען נאָך זיינע איבערגעלאָזענע שריפֿטען, האָט אייגענטליך אַ קליינע פֿאָרשטעלונג פֿון איהם.

הערצל איז געווען מיט 10 קעפּ העכער פֿון דעם, וואָס ער האָט געשריבען זיינע פֿעליעטאָנען אין „נייע פֿרייע פּרעסע" און געהאַלטען די קאָנגרעס־רעדעס.

דאָס וועט מודה זיין איטליכער, וועמען ס'איז בעשערט געווען צו זעהן דעם לעבעדיגען הערצל, צו הערען זיין שטים, צו פֿיהלען אויף זיך דעם לייכטענדען בליק פֿון זיינע פּראַכטיגע אויגען.

* *

*

קורץ פֿאַר'ן אוגאַנדע־קאָנגרעס האָבען פּלוצלונג בעמערקט די מקורבים זיינע, אַז הערצל איז פּלוצלונג פֿערשוואונדען.

אַן אדם גדול לאָזט מען קיינמאָל נישט אַליין, און מען איז געגאַנגען איהם זוכען.

מענשען האָבען בעמערקט, אַז ער האָט זיך שטילערהייט אָבגעגנב'עט פֿון זיינע מקורבים און אַוועק אַליין שפּאַצירען אין אַ געוויסער ריכטונג. מען איז איהם נאָכגעגאַנגען אַזוי ווייט, ביז מען איז געקומען צום יודישען בית־עולם אין ווין. און דאָרטען

האָט מען איהם געפֿונען שטעהענדיג בײַם קבֿר פֿון זײַן פֿאָטער...

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, איז הערצל געפֿאָהרען צום אוגאַנדע-קאָנגרעס מיט אַ שווער האַרץ, און פֿאַר דער ענטשיידונג האָט ער שטילערהייט בעזוכט זײַן פֿאָטערס קבֿר, אַקוראַט ווי ער וואָלט זוכען דאָרט זײַן ענטשלוס.

איך ברענג דאָ דעם מיסטישען צוג אין הערצלס כאַראַקטער, וועלכער איז געווען נישט דער איינציגער בײַ איהם.

הערצל האָט זיך צײַטענווײַז געפֿיהלט, ווי פֿון אַ גאָט געשיקטער.

צעגלידערט מען זײַן פֿערגאַנגענהײַט, געפֿינט מען ווייניג יבערגאַנגען צום צוקונפֿטיגען הערצל.

די לעצטע 9 יאָהר פֿון זײַן לעבען זײַנען אַ רעטעניש פֿאַר יעדען פּסיכאָלאָג. עס דוכט זיך אויס, אַז מיט איהם האָט פּאַסירט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט די פֿאַרצײַטיגע נבֿיאים, וואָס פֿלעגען מיט איינמאָל אויפֿשטעהן מיט דעם געפֿיהל, אַז אַ געטליכע שליחות האָט זיך בעזעצט בײַ זיי אין האַרצען.

הערצל אין די לעצטע יאָהרען איז אַזוי נישט ענליך געווען צו אַ נאָרמאַלען הויכבעגאַבטען יודישען איראָפּעער — אַז ס'איז גאָר נישט מעגליך צו שטעלען איהם מיט זיי אין איין רייה.

ווי קליין, נישט צו פֿערגלײַכען קליין, זעהט אויס אַ נאָרדוי, וואַרבורג, זאַנגוויל — נעבען אַ הערצל.

נאָרדוי אַליין האָט אַמאָל דאָס אויסגעדריקט אויף אַ ציוניסטישען באַנקעט. ער האָט געזאָגט, אַז ער פֿיהלט זיך גליקליך צו זײַן דער סאָלדאַט, דער כלי-זין-טרעגער פֿון הערצלען.

דוכט זיך, אַלע זײַנען זיי הויכבעגאַבטע מענשען און גוטע יודען, טאָ פֿאַרוואָס דער אונטערשייד? נאָר זיי פֿעהלט דאָס, וואָס הערצל האָט פֿערמאָגט: דער מיסטישער געפֿיהל פֿון אַ געטליכער שליחות.

פֿאַר'ן טויט האָט הערצל פֿערזאָגט, אַז מען זאָל זײַן געביין אריבערפֿיהרען קײַן ארץ-ישראל.

זײַן איינציגען זון האָט ער איבערגעגעבען דעם ציוניזם אין די הענט, און געשטאָרבען איז ער פֿאָרט, ווי אַן אידעע וואָלט

געווען זיין פאָטער און מוטער, גלייך, ווי די ווייסע ערד פון ארץ־ישראל וואָלט געווען זיין קישען.

צו אַזאַ מיסטיציזם איז ניט מסוגל קיינער פון אונזערע היינטיגע גרויסע יודען.

און גראָד דער מיסטיציזם, אָט דאָס געפיהל פון אַ געטליכער שליחות, האָט געמאַכט פון הערצל אַ פאָלקס־העלד, אַ לעגענדאַרע געשטאַלט.

.1910

# הערצל דאָס קינד.

„גאָט צו דאַנקען, דאָס קינדער־צימער איז נאָך נישט ליידיג" — אַזוי האָט געשריבען ט. הערצל אין 1897 יאָהר, ווען ער איז אַרײַן אין צימער פֿון זײַנע קינדער, און מיט אַ לײַכטען טרויער געקוקט אויף די פֿערלאָזענע צאַצקעס, פֿערלאָזען פֿון זײַנע קינדער, וואָס זענען אַוועק מיט דער באָנע שפּאַצירען.

אין דעם אייגענעם יאָהר האָט ער געפֿײַערט דעם ערשטען געבורטס־טאָג פֿון נאָך אַ קינד, זײַן „יודענשטאַט".

אין דעם אייגענעם יאָהר האָט ער צונויפֿגערופֿען דעם ערשטען ציוניסטען־קאָנגרעס, וואָס איז שוין הײַנט, גאָט צו דאַנקען, אַ בחור'ל פֿון 11 יאָהר.

דעמאָלט האָט ער געהאַט דאָס גליקליכע געפֿיהל פֿון אַ פֿאָטער, וואָס זעהט אַרום זיך וואַקסען, בליהען און זיך ענטוויקלען אַ נײַעם דור, אַ נײַעם צווײַג פֿון אייגענעם זאַפּטיגען בוים.

פֿון דעמאָלט אָן זײַנען אַוועק 14 יאָהר.

דאָס קינדער־צימער האָט זיך אויסגעליידיגט.

דאָס טעכטערל פּוילינאַ איז שוין אַליין באַלד אַ מוטער.

דער קליינער האַנס איז שוין אַ גרויסער פֿערענגלישטער בחור.

דער „יודענשטאַט" איז נעביך געוואָרען אַ זקן פֿאַר דער צײַט, און נאָר מענשען, וואָס האָבען אַ גוסט צו אַלטע הפֿצים, פֿיהלען נאָך צו איהם אַ שטיקעל תשוקה.

און דער 11־יעהריגער בחור'ל איז נאָך אַפֿילו יונג, אָבער ער טראָגט שוין אויף זיך די קנייטשען פֿון אַ יודישער יוגענד, „בײַ וועמען די יוגענד לויכט, ווי אין אַ מיאוס'ן השונ'דיגען טאָג די זון".

הערצל אַליין, וואָס האָט זיך אַזוי געפֿרעהט, וואָס דאָס קינדער־צימער איז נאָך נישט ליידיג, איז שוין אַוועק פֿון דער וועלט. נאָר אַ מאַרמאָרנע מצבֿה שטעהט איצט מיט אַ שטיינער־נעם פּנים איבער די אַש פֿון דעם געליבטען הערצל, וועלכער איז געווען נישט נאָר אונזער פֿיהרער, נאָר אויך א ו נ ז ע ר ק י נ ד.

אַלע די יודען מיט בערד, מיט די טיפֿע קנייטשען אויף די פּנים׳ער האָבען זיך נישט נאָר געלאָזט פֿיהרען פֿון דעם יונגען הערצל, זיי האָבען איהם אויך ליב געהאַט, ווי אַ בן־יחיד, אַ בן־זקונים׳ל, פֿערצייַהענדיג איהם פֿאָראויס אַלע די האַסטיגע, קינדיש־חנ׳עוודיגע געגג פֿון זייַן שטאַרקען יונגען ווילען.

בייַ פֿיל, וואָס האָבען געקענט טעאָדאָר הערצל פּערזענליך, „אָס האָבען געטרונקען פֿון ערשטען קאָנגרעס דעם אַראָמאַטישען ווייַן פֿון זייַן אומבעגרייַפֿליך הדרת׳דיגער פּערזענליכקייַט — איז דאָס קינדער־צימער אויך אויסגעליידיגט געוואָרען.

פֿון זיבעטען קאָנגרעס אָן פֿיהלען די אַלטע ציוניסטען, אַז אויף איטליכען קאָנגרעס שטעהט אַ ליידיגע הוילע ראַם, וואָס בעט זיך, אַז מען זאָל אין איהר אַרייַנשטעלען הערצלס לעבעדיגע געשטאַלט. און מיט קלעמעניש און אַ שטילען וועהטאָג קוקען זיי אויף די שוואַרצקייַט, וואָס פֿליסט פֿון דער אייַנגעבילדעטער ראַם, וועלכע שוועבט איבער דעם גאַנצען זאַל, ווי אַ שווימענדיגער פֿלעק אין אַן אויג.

דער יאָהרצייַט פֿון הערצל איז פֿאַר זיי נישט נאָר דער צוואַנציגסטער אין תמוז, נאָר אַ סך גיכער אַ טאָג פֿון אַ ציוניסטישען קאָנגרעס, ווען אינאיינעם מיט די נייַע צוגעקומענע קלייַבט זיך צונויף די אַלטע גוואַרדיע, די אַלערליי טאַטעס פֿון דעם גענ׳אַלען יודישען קינד.

און עס וועט מיך נישט וואונדערן, ווען היי־יאָהר, בייַם צעהנטען קאָנגרעס, וועט נאָך דאָס ערינערונגס־געפֿיהל אָן דעם גיבען טויט פֿון ט. הערצל זייַן כמעט אַזוי שטאַרק, ווי אין דעם טאָג, ווען זייַן קראַנק האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּען.

אַ יודישע לעגענדע דערצעהלט, אַז דער גרויסער רבֿ, וואָס האָט דערלעבט אַ הויכען עלטער, צוליב די געשענקטע יאָהרען פֿון אַ יודישער טאָכטער, וואָס איז אַליין צוליב דעם אַוועק יונג

פֿון דער וועלט — פֿלעגט אַרומגעהן גראָד די נעכֿט אַ שטאַרק צעטראָגענער, ווען ער האָט לויט זײַן שׂכל אויסגערעכֿנט, אַז אין די נעכֿט האָט געדאַרפֿט עפּעס וויכֿטיגעס און גוטעס געשעהן מיט דער יודישער טאָכֿטער, וואָס איז צוליבֿ איהם אַזוי יונג אַוועק פֿון דער וועלט.

דאָס אייגענע וועט זײַן מיט פֿיל דעלעגאַטען אויפֿ'ן יובֿילייִ קאָנגרעס, צו וואָס זייער בֿעגרינדער האָט נישט דערלעבֿט אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געשענקט דעם ציוניזם צו-פֿיל יאָהרען פֿון זײַן אייגענעם לעבֿען.

„די האַנה, וואָס האָט אונז אַ שטוים געגעבֿען פֿאָרווערטס — פֿוילט שוין אין דער נאַסער ערד, און מיר בֿעוועגען זיך נאָך אַלץ ווײַטער און ווײַטער", וועלען פֿיל טראַכֿטען, און אַ גלאַנציגע טרער וועט בײַ טייל זיך אַראָבֿקײַקלען פֿון די בֿרעמען.

די רייִנסטע קריסטאָלענע טרער, וואו עס פֿינקעלט אָבֿ די טיפֿסטע טראַגיק פֿון מענשליכֿען קורצען לעבֿען...

אויך ווען דאָס מענשליכֿע לעבֿען איז געבֿענשט מיט אַ געטליך-גרויסער לעבֿענס-קראַפֿט...

.1911

# אַרום אַ גרויסען שאַטען.

געטע זאָגט אין איין אָרט, אַז אום צו מאַכען אַן עפּאָכע אין דער וועלט, געהערען דערצו צוויי זאַכען: ערשטענס, דאַרף מען האָבען אַ גוטען קאָפּ און, צווייטענס, דאַרף מען בעקומען אַ גוטע ירושה. נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געירש'ענט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, פרידריך דער גרויסער — דעם שלעזישען קריג, לוטער — די פינסטערניש פון די גלחים אין מיטעלאַלטער, א. א. וו.

ווען מען פערטיפט זיך אין געטעס ווערטער, פערשטעהט מען, אַז ער נעמט דאָס וואָרט ירושה אין אַ העכערן זין. ער מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז חוץ די גרויסע פעהיגקייטען, מיט וואָס דער גרויסער מענש צייכענט זיך אויס, מוז ער נאָך געפינען פאַר זיך אַ צייט, ווען זי איז דורכגעזאַפּט מיט איין איינציגער גייסטעס־שטימונג, אָדער, וועניגסטענס, מיט אַ געוויסער הויפּט־שטימונג, און נאָר דעמאָלט קאָן ער שאַפען אַן עפּאָכע.

גרויסקייט, געניאַלע אויפטועכצען זיינען אַ טראָף־זאַך. עס מוזען שטענדיג זיך צוזאַמענטרעפען צוויי זאַכען: דער קלוגער, ענערגישער, געניאַלער מח מיט'ן גרויסען ווילען פון זיין צייט. איז דער רצון פון זיין צייט אַ צעבּרעקעלטער — וועט ער מיט זיין גאונ'ישקייט גאָר נישט אויפטון. וואָס שטאַרקער, געדיכטער עס דריקט זיך אויס די צייט־שטימונג, די נטיה פון אַ געוויסער עפּאָכע צו טון גראָד די און די אַרבייט, אַלץ גרעסער וועט אַרויסטרעטען דער גאון, וואָס נעמט אויף זיך אַ גרויסע שליחות, די שליחות פון זיין צייט.

עס קלעקט נישט, ווען מען געהט אַרויס פון דער מוטערס שויס מיט אַלע מעלות, וואָס צירען אַ הויכען גייסט. מען

מוז נאָך געבוירען ווערען אין אַ צײַט, ווען זי נויטיגט זיך אין אַ שליח צבור, נויטיגט זיך אין אַ געניאַלען חזן, וואָס זאָל זיך שטעלען פֿאַר אַ פֿאַרטיגען עמוד.

אויך ד״ר הערצל האָט מיטבעקומען אַ ירושה, ווען ער איז געוואָרען אונזער שליח צבור. זײַן ירושה איז געווען דער חבת ציון. אין זײַן געניאַלען מח האָט אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק. ער האָט צוערשט אַפֿילו נישט געוואוסט, אַז די שטראַלען פֿון דעם דאָזיגען געדאַנק האָבען שוין בעריהרט אַנדערע מחות; ער האָט געמיינט, אַז ער שטעהט איינער אַליין מיט זײַנע נײַע אידעען, און זײַן הויפּט־ציל איז צוערשט געווען צו שאַפֿען דורך זײַנע שריפֿטען אַ קליינע עדה פֿאַר זײַן נײַעם געדאַנק, נישט האָפֿענדיג אפֿשר, אַז צו זײַנע צײַטען וועט די עדה אַזוי אויסוואַקסען, אַז זי וועט שוין מוזען האָבען איהר אייגענעם שליח צבור.

אָבער זײַן גרויסער געדאַנק האָט פּלוצים צונויפֿגעפֿיהרט מענשען פֿון אַלע עקען פֿון דער וועלט, האָט מיט אַמאָל איהם בעוויזען, אַז עס איז שוין לאַנג דאָ אַ שטימונג אין געוויסע קרײַזען, אַז עס טליעט שוין לאַנג אין די הערצער פֿון די יודישע פֿאָלקס־קינדער דאָס אייגענע, וואָס האָט בעלויכטען זײַן אייגענעם מח — און הערצל איז געוואָרען ממילא דער זינגער און זאָגער, דער נביא און דער כהן פֿון אַ נײַער יודישער בעוועגונג, וואָס האָט שוין אין דער פֿינסטערקײַט פֿון דער יודישער געזעלשאַפֿטליכער נשמה זיך לאַנג געריסען צו אַ טאַט, צו עפּעס אַ ממשות׳דיגען אויפֿטו.

היסטאָריש דאַרף מען מעסטען הערצלס גרויסקײַט לויט דער גרויסקײַט פֿון דער ירושה, וואָס ער האָט מיטבעקומען.

עס איז זעהר מעגליך, אַז הערצל, לויט זײַנע גרויסע גײַסטיגע בעגאַבונגען, איז געווען גרעסער, ווי ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט; איז געווען אויסדערוועהלט מעהר אויפֿצוטון, צו שאַפֿען אַ גרעסערע עפּאָכע אין יודישען לעבען. אָבער די צײַטשטימונג, וואָס ער האָט בעקומען בירושה, איז נישט געווען גענוג ראוי דערצו אויפֿצוהאָרעווען בײַ זיך דעם שליח צבור ביז צו די לעצטע גרעניצען פֿון זײַנע פֿעהיגקײַטען. זי האָט נישט געהאַט אַזאַ כח, אַזאַ אַייזערנעם רצון, אַז זי זאָל קאָנען קרעפ־

טיג און ענערגיש אונטערשפּאַרען דעם, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף די אַקסלען פֿון פֿאָלק.

דען די ירושה, וואָס הערצל האָט בעקומען, איז געווען די ירושה פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז אינעווייניג צעבּרעקעלט, און נישט נאָר פֿערוואָגעלט צווישען פֿרעמדע פֿעלקער, נאָר אויך צווישען די אייגענע געפֿיהלען, צווישען פֿערשיידענע אייגענע צוקונפֿטס־פּלענער און צוקונפֿטס־געדאַנקען.

* *
*

איך האָב מיר געמאַכט אַ געוואוהנהייט איטליכס יאָהר פֿאַר הערצלס יאָהרצייט נאָכאַמאָל דורכצולייענען איינס פֿון זיינע שענע אָריגינעלע ביכער.

היינטיגס יאָהר האָב איך נאָכאַמאָל דורכגעלייענט זיין בערימטע בוך „פּאַלע בורבאָן”, וואו ער גיט אַזאַ פּרעכטיג־געלונגען בילד פֿון פֿראַנצויזישען פּאַרלאַמענטאַרישען לעבען.

און צוקלאַפּענדיג דאָס בוך, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אַזאַ אומעטיגען הומאָר, מיט אַזאַ טרויעריגער בעאָבאַכטונגס־גאַבע, מיט דער קיהלער, שטאָלצער קלוגקייט פֿון אַן אַריסטאָקראַט, וואָס קוקט זיך צו צו דער בעל־הבית׳ישקייט פֿון אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, מיט דער גאַנצער קריטיק פֿון אַ מענשען, וואָס שטעהט מיט עטליכע קעפּ העכער פֿאַר זיינע אַרומיגע בעקאַנטע, — זעה איך פֿאַר זיך אַ זעלטענע געשטאַלט, וואָס איז נישט קיין עסטרייכער, נישט קיין פֿראַנצויז, אויך נישט דער געוועהנליכער טיפּ פֿון אַן אייראָפּעאישען יודען.

איך טראַכט: הערצל האָט זיך קיינמאָל נישט אַ ס י מ י ל י ר ט.

גרויסע מענשען אַסימילירען זיך נישט. זיי נעמען נאָר אָן דעם אויסערן מלבוש פֿון דעם פֿאָלק, וואו זיי לעבען, — אָבער אינעווייניג, אין זייערע געפֿיהלען, אין זייער דענקען, אין זייערע אַלע אָבשאַצונגען בלייבען זיי שטענדיג די עכטע, אמת׳ע, די, וואָס בייטען זיך נישט.

אין קיין זייטעל פֿון דעם בוך וועט איהר נישט זעהן קיין

בעגײַסטערונג פֿאַר עפּעס אַ פֿרעמדער קולטור. הערצל מוז שפּעטען מיט אַ פֿײַנעם שמייכעל פֿון אַלץ, וואָס ער זעהט אַרום זיך. ער איז נישט דער פּאַטריאָט, וואָס פּרובט שטענדיג פֿערגלײַכען די סדרים פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד מיט די פֿון פֿראַנצויזישען. סײַ אין דער היים, ווי אין דער פֿרעמד, ווערט ער נישט מבולבל, ווי דער מיטעלער אײראָפּעאישער יוד, פֿון דער קולטור און פֿון דעם גײַסט, וואָס נעמט איהם אַרום, ווי אַ וואַסער פֿון אַלע זײַטען.

הערצל איז אין קײנם פֿון זײַנע ביכער, וואָס האָבען איהם אַזאַ נאָמען געמאַכט, נישט געווען דער מענש, וואָס צאָהלט אָב די גוטיגקײַטען פֿון דער אײראָפּעאישער קולטור מיט דער בעגײַסטערונג פֿון זײַן האַרצען.

בײַ דעם מיטעל-אײראָפּעאישען יודען זעהען מיר דאָס פּונקט קאַפּויער. פֿון גרויס דאַנקבאַרקײַט, וואָס ער דאַרף נישט פֿערקויפֿען קײן אַלטע הויזען הינטער די מויערן פֿון אַ געטאָ, איז ער קאַפּאַבל צו פֿערהימלישען די אײראָפּעאישע קולטור אין זײַן „פֿאָטערלאַנד“, און צו מאַכען אַ מינע פֿון אַ בעגײַסטערטען אײראָפּעער אָדער פּאַטריאָט.

און אַז הערצל האָט זיך געקאָנט בעגײַסטערן, בעווײַזען די לעצטע 10 יאָהר פֿון זײַן לעבען, די צייט, ווען עס איז אַרײַן אין זײַן געמיט זײַן אײגענער מלאך, ווען אין די שטילע בײַ-נאַכטיגע שעה'ן האָבען איהם אָנגעהויבען צו בעזוכען די פֿערבאָרגענע גײַסטער פֿון זײַן אײגענער הערצלישער יודישער נשמה.

ווער עס לײענט זײַנע ציוניסטישע שריפֿטען און זײַן „פּאַלע בורבאָן“, זעהט פֿאַר זיך, דולט זיך, די אײגענע געשטאַלט, אָבער דאָך צווײ פֿערשײדענע. אין „פּאַלע בורבאָן“ זעהען מיר אַ מענשען טראָגען אויף די אַקסלען די פֿולע עמער מיט גײַסט, בלאָנדזשענדיג דורך די גאַסען אָהן אַ ציל, אָהן אַ פּלאַן. די פֿולע עמער דריקען נאָר ווי אַ לאַסט, און דער וואונדערליכער מענש האָט נאָר אַ נעוראַסטענישען שפּאָטישען שמייכעל אויף די ליפּען און אַ טרויעריגען גלאַנץ אין די אויגען.

שפּעטער אָבער, אין זײַנע ציוניסטישע שריפֿטען, פֿיהלען מיר, אַז דער געניאַלער וואַסער-טרעגער האָט געפֿונען די הײַזער,

וואו פערטריקענטע מײַלער לעכצען נאָך אַ טראָפּען פײַכטקײַט, און מיט אַ שטאָלצען קיניגליכען טריט טראָגט ער זײַנע עמער אין די וואוינונגען פון די, וואָס גאַרען אַזוי נאָך זײַן פרישען בעלעבעדיגען געטראַנק.

און מערקווירדיג. אין אַזוינע טאָפּעלטע געשטאַלטען ווײַזען זיך פאַר אונז אַלע גרויסע מענשען: איין מאָל — ווען דער בעכער איז פול, נאָר עס איז נישטאָ ווער עס זאָל טרינקען, דאָס צווייטע מאָל — ווען עס זײַנען געקומען די דאָרשטיגע ליפּען, וואָס גאַרען נאָכ'ן געטראַנק פון אויסגעשטרעקטען בעכער.

און וואָס גרעסער דער גדול איז, אַלץ מעהר זיינען זײַנע געשטאַלטען, אין וועלכע ער שטעלט זיך פאָר אין פערשיידענע עפּאָכען פון זײַן לעבען. דאָס בעסטע בײַשפּיל דערצו איז געטע, אפשר דער גרעסטער גײַסט, וואָס האָט בעלויכטען און טוט נאָך ווײַטער בעלויכטען די געבילדעטע וועלט פון איראָפּע שוין זינט מעהר, ווי 150 יאָהר.

* *
*

די שאָטענס פון גרויסע גײַסטער זײַנען אָפט וויכטיגער פאַר דער מענשהײַט, ווי די לעבעדיגע גשמיות'דיגע קעפּ, הענט און פיס, וואָס מאַכען פול אונזער וועלטעל מיט אַזאַ גערויש און געפילדער.

און זייערע שאָטענס האָבען אַ מאָדנע טבע. נישט נאָר זיי ווײַזען אונז שטענדיג דעם זומפּיגען אָרט, פון וואַנען מיר האָבען זיך אָבגעטראָגען, פון וואַנען זיי האָבען אונז אָבגערוקט בשלום, — נאָר זיי מאָלען אויך מיט זייער שאָטען די וועגען פון דער צוקונפט.

אין זייער שאָטען איז פאַראַן עפּעס אַ שײַן, אַ קליין לעמפּעלע, וואָס צייכענט אונז אָן דעם וועג אויף ווײַטער.

אויך הערצל איז נישט נור בלויז געשיכטע פאַר אונז, זײַן גײַסט האָט אונז איבערגעלאָזען נאָך אַ סך צוקונפטס-שאָ-

טענס, וואָס וואַרטען, אַז עס זאָלען קומען די נישט־צעבּרעקעל־
טע, קרעפטיגע, ענערגישע מענשען, וואָס וועלען שוין אַרויס־
שטעלען זייער נײַעם שליה צבּור.

נישט דעם שליה צבּור, וואָס קומט עפּטערס אויף דער
וועלט פריהער פאַר זײַן ירושה, נאָר דעם, וואָס ווערט געבּאָ־
רען אין אַ העמדעל, מיט די רעכט אויף אַ גרויסער ירושה.

1913.

# קאנגרעס-טיפּען.

(צום ציוניסטישען יובילײ-קאָנגרעס).

# דער בחור מיט די לאַנגע פיס.

קומען קומט ער אויפ'ן קאָנגרעס פון ניו-יאָרק, טשיקאַגע, קאַנאַדע, טראַנסוואַל, אָבער זיין מאַנדאַט איז פון איישישאָק, גרינקישאָק אָדער ביסאַגאָלע.

כאָטש זיינע לאַנגע פיס שפּרייזען איבער אַלע טיילען פון דער וועלט, אָבער ער איז פאָרט אַ תושב פון די קליינע שטעטלעך, וואו ער האָט אין די ערשטע קאָנגרעס-יאָהרען פערדינט זיך די ערשטע שליפּעס פון אַ ציוניסטישען אַגיטאַטאָר.

ווען מען לייענט זיינע בריף, וואָס ער פלעגט שרייבען צו די אַגודות פון אַלע עקען פון דער וועלט, און וועלכע ליגען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין די אַרכיווען פון אַ גרינקישאָקער אַגודה, — קאָן מען מיינען, אַז ער איז זיך אַריבערגעפאָהרען פון טראַנסוואַל קיין קאַנאַדע נאָר צוליב דעם, אָנצושרייבען אַ בריף צו אַן אַגודה, וואָס האַלט אין פאַלען. אָט אַזוי ענג פערקניפּט איז ער מיט די לייט פון זיין רוסיש שטעטעל! און טאַקע די דאָזיגע לייט פערגעסען אָן איהם נישט קיין איינציג קאָנגרעס-יאָהר און שיקען איהם אַוועק אַ מאַנדאַט.

באַלד ווי ער קומט אין קאָנגרעס-ביוראָ, ווערט ער שוין געוואָר, וואו עס געפינט זיך די רעדנער-ליסטע און הויבט אָן זיך צו פערשרייבען צום וואָרט ביי יעדען פונקט פון פּראָגראַם. ער קומט צו פאָהרען אַן אָנגעלאָדעוועטער, ווי אַ פּולווער-פאַס; צו איטליכער פראַגע האָט ער צו מאַכען אַ וויכטיגע בעמערקונג, און וואָס אָנבעלאַנגט דער פראַגע וועגען בעריכט פון פּרעזידיום, איז ער פול מיט טענות און תביעות, ווי אַן אוגערעק מיט קערנדלעך.

היינט קומט נאָך צו דאָס, וואָס אין טראַנסוואַל, קאַנאַדע

און אין די פֿעראייניגטע שטאַטען איז נישטאָ מיט וועמען אויסצורעדען אַ וואָרט וועגען ציוניזם, און אין אַ משך פֿון אַ פּאָר יאָהר האָט ער נאָר דורך בריף צו אַגודות געקאָנט אַ ביסעל פֿרײַ מאַכען דעם גאַז פֿון זײַן ציוניסטישער נשמה.

און זײַן ציוניסטישע נשמה האָט זיך אַזוי ברייט צעלעגט אין זײַן ברוסט, אַז עס איז שוין נישטאָ קײַן אָרט פֿאַר אַנדערע אינטערעסען. מיט'ן ציוניזם הויבט זיך אָן, מיט'ן ציוניזם ענדיגט זיך דאָס. פּינסקער, אחד־העם, בירנבוים; הערצל, נאָרדוי און טריטש; דער גרויסער ס־ם—אָוועץ און דער בעקאַנטער פּועלציון — קורץ, אַלע, וואָס בעדעקען מיט זייערע בילדער די ווענט פֿון אַ ציוניסטיש מוח — אינטערעסירען איהם אַ סך מעהר, ווי די אינסטרומענטען און כלים פֿון זײַן פּראָפֿעסיע, מיט וואָס ער דערהאַלט זיך בײַם לעבען.

און עס דאַרף טאַקע אַזוי זײַן.

דער ציוניזם איז געווען פֿאַר איהם אין לעבען נישט נור אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע בעוועגונג, נאָר אויך אַ מין לעקסיקאָן, וואָס האָט איהם אויסגעלערנט אַלע שבעה חכמות.

אַ סאָציאָלאָג און פֿילאָזאָף איז ער געוואָרען צוליב אחד־העם און בירנבוים'ען; אַ ליטעראַטור־קענער — צוליב הערצלס פֿעליעטאָנען. אַ באַנק־מענש — צוליב דער קאָלאָניאַל־באַנק און אַ דאַנק דעם דירעקטאָר ד"ר קאַצענעלסאָנס באַנק־בעריכטען; מיט דער וועלט־פֿראַגע פֿון קאָלאָניזירען נײַע לענדער איז ער בעקאַנט געוואָרען צוליב די רעדעס, וכּוחים און רעפֿעראַטען פֿון די ציוניסטישע סטודענטען מיט די בונדיסטישע; און מיט דער עמיגראַציאָנס־פֿראַגע — בלויז צוליב די ס.־ס'אָוועצעס, וואָס האָבען, — דאָס קאָן ער זיי נישט מוחל זײַן, — צוגענומען פֿון ציוניזם אַזאַ קרוין, ווי ישראל זאַנגוויל.

קורץ, זײַן גאַנצע בילדונג האָט ער צו פֿערדאַנקען דעם ציוניזם, און אַזוי ווי ער איז נאָך אַלץ אַ בחור, אָהן ווײַב און קינדער, — גיסט ער אויס זײַן גאַנצע ליבע און געטרײַשאַפֿט צום ציוניזם.

די אַרכיוועז אין דער אַגודה פֿון אַ גרינקישאָק מיט זײַנע אַפּאָסטאָלישע בריף קאָנען צו־נוץ קומען פֿאַר אַ מוסטער פֿון לי־

בעס־בריף פאַר כּלות און התנים, נאָר מען דאַרף אויסמעקען דאָס וואָרט „ציון“ און שרײַבן „מײַן טײַערע לעאָנאָראַ“.

אויף דער קאָנגרעס־בּימה בעוויַיזט ער זיך אַזוי אָפּט, אַז אין די נישט־אויסגעשלאָפענע קעפּ פון די דעלעגאַטען בלײַבט שטענדיג אין זכרון דער גרינקישאָקער דעלעגאַט מיט זײַן אויס־געצויגענער פיגור און די לאַנגע שטרוי־דינע פּיס.

נאָך איידער עס קומט דערצו, מען זאָל שליסען די רעד־נער־ליסטע, האָט ער שוין זײַנס אָבגעזאָגט. קיינער הערט נישט, וואָס ער זאָגט, חוץ דעם סטענאָגראַף. קיינער פערשטעהט נישט זײַן יודישע שפּראַך, וואו עס האָבען זיך שוין אויסגעמישט די אַקצענטען פון רומעניען, גאַליציען, פּוילען, וואָלין און אַמעריקע. נאָר איהם אַרט דאָס נישט.

ער שטעהט אַ פערבייזטער אויף דער בּימה און פּאָכט מיט די הענט, דבר'ט עפּעס פּלאַם־פײַערדיג, און זײַן גאָרגלענדיגע שטים שיט עפּעס אויף עמיצען שוועבעל און פּעך.

מען פיהלט, אַז דאָס רעדט אַן אָנגעלאָדעוועט געמיט, וואָס דאַרף זיך אָבלאָדען, און עס איז קיין הילוק נישט, צי הערט מען איהם, אָדער נישט. די ציוניסטישע רעדעס ווערען סטענאָ־גראַפירט, און גרינקישאָק וועט שוין לייענען זײַן רעדע.

געהן געהט ער אַראָב פון טריבונע אַן אָנגעבלאָזענער; איז עפּעס אויף אַלעמען אין כּעס און באַלד טאַקע פערלאָזען זײַנע פּיס דעם זאַל פון קאַזינאָ.

ער איז ברוגז. נאָר נישט, חלילה, אויפ'ן ציוניזם. נאָר גלאַט אַזוי, ווײַל ער האָט שוין אַזאַ אַלטע אַגיטאַטאָרישע ברוגז־דיגע מינע.

אָדער אפשר ווײַל טיף אין האַרצען ווייסט ער, אַז דער קאָנגרעס וועט פאַרטיג ווערען אָהן איהם, און ער איז ברוגז נאָר אויף זיך אַליין? ברוגז, ווײַל ער, דער געטרײַער פערליבטער ציו־ניסט, מוז מיט אַמאָל אָנהויבען צו קריטיקירען פון דער בּימה אַראָב, פאַר אַלעמען אין די אויגען, זײַן איין־איינציגע געליבטע?

ווי גוט איז דאָס צו זײַן אַן אַגיטאַטאָר פאַר אַ זאַך, וואָס דו האָסט ליב, און ווי שלעכט עס איז צו זײַן אַ קריטיקער פון אַזאַ טײַערער זאַך!

נאָר ער, דער בחור, וואָס איז אַזוי ענג פֿערקניפּט מיט גרינקישאָק און וואָס האָט זײַן העכערע בילדונג בעקומען אויף די קאָנגרעסען, קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלען אַ קאָנגרעס־דעבאַטע אָהן ביטערער קריטיק. און ער טוט זיך אָן אַ כּח און פֿערשרײַבט זיך צום וואָרט, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קאָנגרעס.

# דער מיוחס.

אויף אַלע קאָנגרעסען זײַנען געווען ספּעציעלע מיוחסים: די „קאַטאָוויצער“, די „בּילויצער“, די ערשטע קרבנות פֿון „אַגודת אלף“ און אַנדערע אַגודות, וועלכע האָבען פֿערלאָרען זייער געלד דורך טיאָמקין׳ען, כאַנקין׳ען און אַנדערע, וואָס האָבען פֿערנוצט דאָס געלד אויף זאַמדיגע וויספּעס, אָדער מען האָט זיי אָנגענאַרט מיט די „קושאַנעס“, מחמת זייער אומגעניטקײַט אין ערד קויפֿען.

נאָר דער הײַנטיגער קאָנגרעס האָט געהאַט גאָר אַ שפּאָגעל־נײַעם מיוחס. דאָס איז דער דעלעגאַט, וואָס איז געווען אויף אַלע צעהן קאָנגרעסען.

און מיינט נישט, אַז דאָס איז אַ קליינער מיוחס! אויפֿ׳ן נײַנטען קאָנגרעס, ווען מען האָט געוואָלט אָבשאָקלען פֿון זיך אַ ווײַלע די דאגות וועגען דער „ליטונג“, איז אײַנגעפֿאַלען עמיצען צו מאַכען אַ שענע וועטשערע נאָר פֿאַר די, וואָס זײַנען געווען אויף אַלע נײַן קאָנגרעסען. און שטעלט זיך פֿאָר: פֿון די אַן ערך 400 דעלעגאַטען האָבען זיך נאָר געפֿונען עלף מענשען, וואָס האָבען געהאַט די פּריווילעגיע צו זײַן אויף דער דאָזיגער וועטשערע.

עס איז אַ טעות, ווען מען מיינט, אַז צו יעדען קאָנגרעס קומען אַלץ די אײגענע מענשען. חוץ די גרויסע בּערען, ווי נאָרדוי, וואָלפֿסאָן, סאָקאָלאָוו און אַנדערע, וועלכע וואַרפֿען זיך אין די אויגען, בּײַטען זיך שטענדיג די פּנימ׳ער פֿון די דעלעגאַטען. די גענעראַלען קומען שטענדיג, די סאָלדאַטען דינען אויס זייער דינסט און נעמען זיך בּויען אַן אייגען הויז מיט אַ ווײַנגאָרטען און פֿערלירען בּאַלד זייער סאָלדאַטישע דיסציפּלין. און אויך

מאַנכע גענעראַלען פֿערבֿרענגען דעם זומער אין אַ סאַנאַטאָריע אָנשטאָט צו פֿערבֿרענגען בײַם פּרעזידענטען־טיש. דער אַדוואָקאַט ראָזענבוים, למשל, און אַנדערע, אַפּילו מאָצקין, דער פֿירער פֿון דער יוגענד, ווי עס איז אָנגענומען איהם צו בעטיטלען, איז אויך נישט געווען אויף אַלע קאָנגרעסען.

איין אָווענט, ווען מען האָט שוין געוואוסט אויף געוויס, אַז וואָלפֿסאָן איז שוין אויס פּרעזידענט, און די קלאַפּענדיגע הערצער האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו בערוהיגען, בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט אַזאַ מיוחס.

דאָס איז געווען אַ יודעל פֿון שניפּישאָק, אַ קליינס, אַ דאַרס, מיט די געלע פֿאַרבען פֿון אַ מענשען, וואָס ליידט שוין אויף עפּעס אַן אינעווייניגסטען אבֿר, מיט אַן אויסגעשטאַרצעטען בײַכעל איבער די קורצע דאַרע פֿיסלעך. דאַכט זיך, אַז ער האָט וואַסער אין בויך.

זײַנע אויגלעך האָבען מיט גאוה געקוקט אויף דעם עולם אַרום, און אַ גליקליכער זעלבסט־צופֿרידענער שמייכעל האָט גערוהט אויף זײַן פּנים.

דאָרט, אין דער היים בײַ איהם, ווייס מען גאָר נישט אָבצושאַצען זײַן יחוס, וואָס ווייס אַ קליין שטעטעל! אָבער דאָ, אין באַזעל, ווייס מען, ווער ער איז.

פֿאַר צוויי יאָהרען איז ער געווען אויף דער שעֶנער וועטשערע צוזאַמען מיט נאָרדוי, וואָלפֿסאָן, סאָקאָלאָוו. צווישען די גרויסע דערהויבענע נעמען האָט מען זײַן נאָמען אויך געוואוסט. ער איז געזעסען מיט זיי בײַ איין טיש און האָט אַקוראַט ווי זיי דערצעהלט זײַנע זכרונות וועגען די נײַן קאָנגרעסען. און אַלע האָבען איהם אויסגעהערט, אַקוראַט ווי דאָס רעדט גאָר נישט ער, נאָר אויך אַ מאַקס נאָרדוי.

בײַם קאַזינאָ־טישעל האָט ער מיר דערצעהלט, ווי איז דאָס געווען, אַז ער האָט קיין קאָנגרעס נישט אויסגעלאָזען.

צום ערשטען קאָנגרעס איז ער געקומען גאָר צופֿעליג. ער האָט אַוועקגעפֿיהרט קײַן דאַוואָס (שווייץ) אַ קראַנקען פּלימעניק, קראַנק אויף די לונגען. אונטערוועגס איז ער דערגאַנגען וועגען קאָנגרעס. ער האָט זיך גיך אָבגעפֿאַרטיגט אין דאַוואָס און

איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין באַזעל, אַ קוק טון אויף אַלערליי גרויסע מענשען, פֿון וועלכע ער האָט געהערט, אַלס אַן אַלטער שניפּישאָקער חובבֿי־ציון. אויפֿ'ן צווייטען קאָנגרעס איז ער שוין געפֿאָהרען אַליין. דאָס שטעטעל האָט איהם, אַלס בעדינטען מענשען אין קאָנגרעס־ענינים, אויסגעקליבען פֿאַר אַ דעלעגאַט. פֿון דריטען קאָנגרעס אָן ליידט ער עפּעס אויף די נירען און פֿאָהרט אַלע יאָהר אין אַ באַד. לאָנדאָן איז איהם אַפֿילו געווען אַ ביסעל ניט אויפֿ'ן וועג, נאָר ער האָט דאָרט אַ סך קרובֿים און איינעם אַ שטיף־ברודער אויך. איז ער שוין צוגעפֿאָהרען אַהין. אין האַג איז ער שוין געפֿאָהרען אָהן אַ טעם, ווייל ער האָט שוין געהאַט די טבֿע צו זיין אויף אַלע קאָנגרעסען. אין האַמבורג האָט ער נאָך געמאַכֿט אין די טעג פֿון קאָנגרעס אַ קליין עסק'ל און פֿערדינט נאָך אַ שען ביסעל געלד. מיט האַמבורג שטעהט ער שוין לאַנג אין געשעפֿטען.

„וואָס איז דאָ צו רעדען? — האָט ער מיט אַ תענוג אין האַרצען זיך צעזונגען אויפֿ'ן קול, — אָט ווי איהר זעהט מיך, בין איך געווען אויף אַלע קאָנגרעסען". און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי גענעראַל סקאָבעלעוו אויף אָסמאַן־פּאַשאַ (מיך האַלט ער אויך פֿאַר אַ שטיקעל מיוחס; ער ווייסט, אַז איך שרייב אַמאָל אין די בלעטער).

שטאַרק הנאה פֿון צעהנטען קאָנגרעס האָבען מענשען נישט געהאַט. מזרחים, הסתדרות, די פֿראַגע פֿון דער לייטונג, די פֿאַנאַטישע ווערטער: עבֿרית או רוסית, — קורץ, די שטימונג איז נישט געווען געהויבען בעזונדערס. מיין יודעל אָבער, דער שניפּישאָקער מיוחס, האָט זיך געפֿיהלט אויפֿ'ן צעהנטען קאָנגרעס, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. איהם האָט זיך געדאַכֿט, אַז נאָך דער בלאָה־ווייסער פֿאָהן אויף דעם קאַזינאָ־הויז — איז ער די צווייטע פֿאָהן, וואָס פֿלאַטערט אַרום איבער'ן קאָנגרעס־זאַל, און אַלע קאָנען זיך נישט זאַט אָנקוקען אויף דעם זעלטענעם דעלעגאַט, וואָס איז געזעסען אויף אַ דעלעגאַטען־שטול אויף אַלע צעהן קאָנגרעסען.

ער האָט מיטגעבראַכֿט צום קאָנגרעס זיין טעכֿטערל, וואָס ליידט אויף סקראָפעלאָזע — אַ גאַנץ שען מיידעל — און מיט

אַ גליקליכען שמייכעל פֿלעגט ער זיך טיילמאָל פֿערקוקען אויף דאָס טעכטערל.

ער האָט געטראַכט, אַז אַזאַ מיוחס ווי ער, דאַרף שוין נישט האָבען קיין סך נדן פֿאַר זײַן טאָכטער. מען וועט אַזוי אויך וועלען אַ שדוך טון מיט אַ טאָכטער פֿון אַ טאַטען, וואָס איז גע־ווען אויף אַלע צעהן קאָנגרעסען.

איבער צוויי־יאָהר וועט ער ווײַטער קומען צום קאָנגרעס. ווער ווייס? אויב גאָט וויל, דערלעבט מען אויך צו אַ צוואַנציגסטען קאָנגרעס.

איך ווינש דאָס דעם ציוניסטישען מיוחס פֿון גאַנצען האַרצען.

# דער קינסטלער.

דער קינסטלער קומט אויפ'ן קאָנגרעס גאָר צוליב אַן אַנדער טעם, ווי דאָס רובֿ אַנדערע דעלעגאַטען (זעלבסטפערשטענדליך, האָב איך איצט נישט אין זינען דעם קינסטלער הערמאַן שטרוק, וואָס איז אַזאַ געטרייַער מזרח'יסט און וואָס פיהרט די מזרח'יסטישע קולטור־פּאָליטיק).

געוועהנליך, טרייַבט דעם איינזאַמען יודישען קינסטלער צום קאָנגרעס דאָס, ווייַל ער וויל זעהן מיט די אויגען אַ סך יודען מיט אַמאָל.

ער, וואָס איז שטענדיג אַליין צווישען זייַנע אַרישע ברידער, וואָס לעבט אייביג אין אַ פרעמדער סביבה און בעגייַסטערט זיך ממילא פאַר פרעמדע געטער, ישו הנוצרי נישט אויסגענומען, וויל אַמאָל זעהן דאָס צעשפרייטע יודענטום, די איינצעלנע צעוואָרפענע זעמדעלעך אויף די ברעגעס פון אַלע ימים, ווי זיי קלייַבען זיך צוזאַמען אויף אַ וואָך צייַט אין איין אָרט, אין איין געדיכטען זאַמד־בערגעל. ער ווייסט, אַז דאָס בערגעל איז פון זאַמד, און דער ווינט האָט עס נאָר אויף אַ ווייַלע צוזאַמענגעטריבען. אָבער זייַן אויסגעהונגערט געמיט, וואָס גאַרט אַזוי, אַז זייַן צעשפרייטער שטאַם זאָל בעקומען אויף אַ רגע אַ פּנים פון אַ פאָלק, זעטיגט זיך, ווען ער זעהט די הונדערטער דעלעגאַטען, וואָס זייַנען זיך צוזאַמענגעפאָהרען פון אַלע עקען וועלט און שמועסען אַרום די אינטערעסען פון יודען, אַקוראַט, ווי די יודען וואָלטען באמת געווען אַן אָרגאַניזירט פאָלק.

די גאַנצע צייַט, זינט ער איז אַ קינסטלער געוואָרען, הערט ער אויף טריט און שריט נאָר איינס, — אַז יעדער קינסטלער איז נאָר דאַן אַ גרויסער, ווען ער בערידהרט מיט זייַן מאָלער־פּענזעל

אָדער מיט זײַן אָבגעטאָקט וואָרט די טיפּסטע נאַציאָנאַלע זײַטען פון אייגען פאָלק.

ער פיהלט אויך אָפט, אַז זײַן קינסטלערישער „איך“ קאָן נאָר זעלטען אַרויס אויף דער ליכטיגער זון, ווײַל ער שעפּט נישט זײַנע אידעען און זײַנע זעהונגען פון אייגענעם נאַציאָנאַלן קוואַל.

ערגעץ־וואו אין מינכען צי אין רוים, צווישען אַ פרעמדער וועלט מיט פרעמדע פנים׳ער, האָט ער אויפגעשטעלט זײַן קינסטלער־געצעלט, און ווען ער אַרבײַט פאַר דעם מאַרק, וואָס קויפט גוטע בילדער, מוז ער זיך צופּאַסען צו אַ גוסט, וואָס איז נישט אינגאַנצען זײַנער, וואָס איז צײַטענווײַז אַזוי פרעמד זײַן אייגענעם נאַציאָנאַלן גוסט.

אין די יונגע יאָהרען פלעגט ער נאָך אַמאָל חלומ׳ען וועגען אַ גאַנצען יודענטום, מיט אַ פעסטען נאַציאָנאַלן פנים. די ערשטע זאַכען זײַנע פלעגט ער אַפילו מאָלען אָדער שרײַבען פון יודישען לעבען. אָבער מיט דער צײַט איז דאָס אַנדערש געוואָרען. ער האָט זיך אָבגעטונקט אין דעם גרויסען וואַסער, וואו מען ווייסט נישט שוין קײַן חילוק פון יוד און גוי.

צום קאָנגרעס קומט ער נישט אַלס פּאָליטיקער, וואָס וויל אַרײַן אין פאָלק פון די טעטיגע סאָלדאַטען, נאָר אַלס ס ע נ ט י מ ע נ ט אַ ל ע ר, אַלס איינער, וואָס וויל פערשטאַרקען אויף אַ וואָך צײַט די קאַלטע, לויע געפיהלען זײַנע צום יודענטום, צו זײַן נאַציע, וואָס איז איהם שוין אַזוי פערפרעמדט געוואָרען.

גראָד דאָס, וואָס איז דער תוך פון קאָנגרעס, איז איהם נישט אינטערעסאַנט און מאַנכמאָל פײַנליך אַפילו. אַלע די ברייטע בעריכטען וועגען דער לייטונג, וועגען נאַציאָנאַל־פאָנד א. א. וו. זײַנען איהם לאַנגווײַליג. און דאָס גרעסטע פערגעניגען האָט ער דעמאָלט, ווען פון קאָנגרעס־זאַל דערלאַנגען זיך אַ שאָט אַרויס די דעלעגאַטען און שטעלען זיך אָב קופּקעס, קופּקעסווײַז אין די קאָרידאָרען, לעבעדיג און פרײַ שמועסענדיג וועגען אַלערליי יודישע פראַגען.

דעמאָלט קוועלט אין איהם דאָס יודישע האַרץ. ער קאָן זיך נישט זאַט אָנקוקען אויף אַלע די פרעמדע און צוגלײַך נאָהענטע פנים׳ער. עס דוכט זיך איהם אויס, אַז עס איז מקוים גע־

וואָרען זײַן אַמאָליגער חלום וועגען אַ יודישער אַחדות, אין עס זײַנען פֿאַראַן מינוטען, ווען ער מיינט, אַז דאָ אויפֿ'ן קאָנגרעס זעהט ער טאַקע די אַחדות אַליין. איהם, דעם אייביג איינזאַמען, איינזאַם בײַ זיך, איינזאַם אין דער קונסט, ווערט אַזוי גוט אויפֿ'ן האַרצען, ווען ער דערפֿיהלט זיך פּלוצים אַלס רינגעלע אין דער קאָנגרעס־קייט, וואָס איז אייגענטליך די יודישע אַחדות.

און איך זעה איהם, ווי פֿאַר זיבען יאָהרען אויפֿ'ן זעקסטען אוגאַנדע־קאָנגרעס, ווען די קייט האָט זיך פּלוצים צעריסען פֿאַר זײַנע בליקען אין „יאָ“־ און „ניין“־זאָגער, האָט ער געוויינט מיט ביטערע טרערען. ער איז געלאָפֿען פֿון קופּקע צו קופּקע, געבעטען זיך רחמים בײַ זיי, געבעטען זיך מיט פֿערוויינטע אויגען, אַז זיי זאָלען נישט צעשטערען זײַן חלום פֿון אַ יודישער אַחדות. ער האָט גענוי נישט פֿערשטאַנען, וועגען וואָס דאָ רעדט זיך. אָבער ער האָט געפֿיהלט, אַז עפּעס ברעכט זיך דאָ, אַז אָט, אָט קאָן עפּעס פּלאַצען זײַן חלום, ווי אַ שעָנער זייפֿען־בלאָז. און ער האָט שטאַרק, שטאַרק געליטען אויף יענעם קאָנגרעס.

אויך אין האַמבורג אויפֿ'ן קאָנגרעס איז איהם געווען שווער אויפֿ'ן האַרצען. פֿערקעהרט, הײַ־יאָהר, אויף דעם שלום־קאָנגרעס, האָט ער געהאַט שעָנע גליקליכע מינוטען. דען ער קומט דאָך נאָר אויפֿ'ן קאָנגרעס, אום זיך צו פֿיהלען אַ ווײַלע אַ היימישער, אַן אייגענער, אַ קינד פֿון אַ געזונטען אַלטען שטאַם, אַ רינגעלע אין דער יודישער אַחדות־קייט.

און דער יובילײַ־קאָנגרעס האָט מיט זײַן שלום־טאַקטיק געגאָסען באַלזאַם אויף זײַן האַרצען.

# דער גענעראַל־רעדנער.

ווען נישט דער ציוניזם מיט זײַנע קאָנגרעסען, צוזאַמענפֿאָהרען א. א. וו., וואָלט ער אפשר אָבגעלעבט זײַנע 70 יאָהר און וואָלט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ כּח הדבור ער האָט. דען כּל ימיו איז ער געווען דאָס, וואָס מען רופֿט אַ „לענטנער מענש", אַ וואוילער בחור, אַ ליבער חבֿר, אַלס סטודענט, אַ פֿרעהליכער קאַמעראַד בײַ אַ גלעזעל ביר, קורץ — אַ מענש, וואָס קוקט אויף אַלעמען מיט שמייכלענדיגע אויגען און וויל, אַז אַנדערע זאָלען איהם אויך בעגעגענען מיט דעם אייגענעם שמייכעל. אַ מענש אָהן עקען און קאַנטען, וואָס האָט פֿײַנט עמיצען צו פֿערטשעפּען און וואָס האָט אויך שטאַרק נישט ליב אַלע די דאָזיגע ביכער, וואָס פֿערפּלאָנטערן אַ יונגען מח און רופֿען אַרויס בענקענישען און נאָגענישען אין יונגע הערצער.

מיר, זײַנע חבֿרים, וואָס האָבען געלייענט מיט אַ ניגון ניטשע'ן און האָבען געהאַלטען שטאָל און אײַזען פֿון אַן איבּסען, גערהאַרד הויפּטמאַן און אַנדערע געטער — האָבען נישט געהאַט קײַן הויכע מיינונג פֿון אונזער חבֿר, דעם צוקינפֿטיגען גענעראַל־רעדנער. מיר האָבען איהם אַלע ליב געהאַט פֿאַר זײַן פֿרעהליכקײַט, אָבער וועניג וואָס געהאָפֿט אויף איהם אין דער צוקונפֿט. פֿאַר אונז אין די אויגען איז ער שוין געווען אַ פֿאַרטיגער מענש, זײַן ליניע איז שוין געווען אָנגעצייכענט, ער איז אונז געווען ליב, אָבער נישט אינטערעסאַנט.

מיר האָבען אָבער אַ שטיקעל טעות געהאַט, כאָטש אײַנגאַנצען אומגערעכט זײַנען מיר נישט געווען. מיר האָבען נישט בעמערקט אין איהם זײַן פֿרעהליכע הוצפּה, וואָס מאַכט אָפֿט

פֿון געוועהנליכֿע מענשען אַ צענטראַלע פֿיגור. און נאָך עפּעס האָט ער פֿערמאָגט, וואָס אין סטודענטישע קרײַזען האַלט מען דערפֿון נישט אַזוי הויך, ווי אין די פּראַקטישע קויפֿמענישע. ער האָט געהאַט אַ גוטע, זעהר אַ גוטע תּפֿיסה פֿאַר געוועהנליכֿע פּראַקטישע זאַכֿען.

אָט די פֿרעהליכֿע הוצפּה און דער כּח התּפֿיסה האָט איהם געמאַכֿט מיט דער צײַט פֿאַר אַ גענעראַל־רעדנער.

נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אָרים אין אידעען און האָט געהאַט אַ קנאַפּע פֿאַנטאַזיע — איז ער אויף די ערשטע קאָנגרעסען געווען מעהר אַ רואה ואינו נראה. אויף די שפּעטערדיגע קאָנגרעסען אָבער, ווען מען האָט נאָר גענאַרפֿט האָבען אַ פּראַקטישע תּפֿיסה פֿאַר דאָס אַלטע, ווען דער ציוניזם האָט זיך אַליין גענומען פֿעסטער אָרגאַניזירען און האָט מיט אַ געוויסער אומגעדולד אָנגעהויבען אָבצוטרײַבען פֿון זיך נײַע פּלענער און אידעען — פֿלעגט דער צוקינפֿטיגער גענעראַל־רעדנער אַליין עפֿטער און עפֿטער אַרויף אויף דער בּימה.

געהאַלטען האָט ער זיך פֿאַר אַן אָפּאָזיציאָנעלן ציוניסט, נאָר דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זיך שטאַרק בּעטייליגט אַמאָל אין דער דעמאָקראַטישער פֿראַקציע.

אָבער אין דער אמת'ן איז ער שטענדיג געווען אַ געוועהנליכֿער ציוניסט, וואָס איז מיט אַלעמען צופֿרידען, ווען נישט דער בּעהעלפֿער.

דען איהר זאָלט וויסען זײַן, אַז דער רעדנער אָהן אידעען און פֿאַנטאַזיע האָט שטענדיג געהאַט אַ קאַמעראַד אַ בּעהעלפֿער, וואָס פֿלעגט איהם מיט עטליכֿע וואָכֿען פֿאַר'ן קאָנגרעס אַרײַנדרומלען אין מה אידעען און פֿאַנטאַזיעס. און גראָה איז געווען אַ צײַט מיט יאָהרען זײַן בּעהעלפֿער איינער, וואָס האָט געשאַפֿען די דעמאָקראַטישע פֿראַקציע. שפּעטער, אַז עס איז געקומען אַן אַנדערער, איז שוין זײַן אָפּאָזיציאָנעלער גײַסט אויפֿ'ן קאָנגרעס געווען כּמעט נישט צו זעהן. און איצט אויפֿ'ן 10־טען קאָנגרעס האָבען מיר שוין פֿאַר זיך אַ מענשען, וואָס איז גרייט הײַנט—מאָרגען אַרײַנצוגעהן אין ענגערן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

ער האָט שוין די מלאכֿה פֿון צו זײַן אין ענגערן אַ.־ק.

אויך תּופֿס געווען.

אַ רחמנות איז געווען צו קוקען אויף איהם אויפֿ'ן אוגאַנדע-קאָנגרעס. מען האָט געדאַרפֿט זיך ענטשליסען פֿאַר „יאָ" אָדער „ניין", און גראָד איז דער בעהעלפֿער אַליין נישט געווען ענטשלאָסען בײַ זיך, און מײַן גענעראַל-רעדנער איז געווען אויס מענש.

מײַן גענעראַל-רעדנער האָט געהאַלטען צוויי רעדעס דעמאָלט: אויף דער רוסישער קאָנפֿערענץ — פֿ אַ ר, און אויפֿ'ן קאָנגרעס — ק ע ג ע ן אוגאַנדע. אין דער רוסישער פֿאָר-קאָנפֿערענץ האָט ער געפֿונען דעם בעהעלפֿער פֿאַר זײַן קאָנגרעס-רעדע. ווער איז געווען זײַן בעהעלפֿער אויף דער קאָנפֿערענץ — איז שווער צו זאָגען. אפֿשר די דײַטשע לאַנדסמאַנשאַפֿט, צו ווערלכער ער האָט אויך געהאַט בעציהונגען, און אפֿשר טאַקע די ליבע צו הערצלען?

איטליכס מאָל, ווען איך זעה דעם דאָזיגען לעבעדיגען, וויציגען, פֿרעהליך-חוצפּה'דיגען רעדנער אויף דער בּימה — טראַכט איך, נישט ווילענדיג, וועגען בעהעלפֿער, וואָס קומט פֿריהמאָרגענס טראָגען דאָס יונגעל אין חדר, און אויך צו טייל ציוניסטישע גענעראַל-רעדנער.

אויפֿ'ן הײַנטיגען קאָנגרעס איז זײַן מלאך געווען דער מלאך השלום, און איך וואונדער זיך, וואָס וואָלפֿסאָן האָט הײַ-יאָהר זיך מיט איהם נישט אַזוי אָפֿיציעל צעקושט, ווי מיט אוסישקינ'ען, כאָטש פֿאַר אַ יאָהרען האָט איהם דער בעהעלפֿער געהייסען זײַן אַ מורא'דיגער געגנער פֿון וואָלפֿסאָנ'ען, פּונקט ווי אוסישקין.

# אַרום ליטעראַטען.

# מיר וואַקסען.

שלעכטע וויטערונגען ווירקען נישט גוט אויפ'ן מענשענס געמיט. איז דער הימעל פערוואָלקענט, ווערט נישט גוט אויפ'ן האַרצען; הויבט אָן צו גיסען און גיסען אַ נודנער רעגען פון דער הויך, ווערט מען גאָר אַ מרה=שחורה'ניק.

אָט אין אַזאַ בייזען טאָג בין איך געזעסען אין מיין צימער און געטראַכט וועגען יודישען לעזער.

דער יודישער לעזער — טראַכט איך — איז עפּעס אַ מין מאָדנע בעשעפעניש. קומט ער פון אָוועגט אין זיינע מוזיקאַליש=דראַמאַטישע חברות — שרייט ער, אַז ער וויל נישט קיין שונד, אַז ער וויל אמת'ע, עכטע ליטעראַטור. שטעהט ער אויף אין דער=פריה און דערזעהט ער אַ צייטונגס=יונגעל, בעט ער באַלד די „פערשפרייטסטע" צייטונג ביי יודען און כאַפּט זיך באַלד לייענען די 199=טע פאָרטזעצונג פון „העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן".

געהט ער פאַר=נאַכט מיט אַ יונג כלה=מיידעל שפּאַצירען הינטערן שטאָט, מאַכט ער אַ מינע, אַז אָהן פּאָעזיע און די לידער פון אונזערע יונגע פּאָעטען קאָן ער נישט לעבען אַ מינוט. מיט גרויס געפיהל דעקלאַמירט ער פאַר דעם שוואַרץ=חנ'עוודיגען מיידעל די גראַמען פון אונזערע צעפלאַמטע הייסע יונגע פּאָעטען. שטעהט ער אויף אין דער=פריה, וואונדערט ער זיך אַליין אויף זיך, און צו מיטאָג=צייט, ווען די קראָמען זיינען נאָך אָפען און מען קאָן נאָך אַמאָל קויפען אַ יודיש בוך — לאַכט ער מיט אַ שמייכעל פון אַ געניטען מענשען פון די אָרימע יודישע שרייבער און פּאָעטען, וואָס געהען אַרום פערחלומ'טע אין די גאַסען און הויבען נישט אָן צו וויסען, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, בפרט אין דער יודישער סוחר'ישער וועלט!

קומט ער אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו מען רעדט וועגן אַ יודישען ערנסטען טעאַטער, פֿערקרימט ער די ליפּען און טענ'עט, אַז חוץ „שונד“ קאָן מען אין יודישען טעאַטער קיין זאַך נישט געניסען. רוקט זיך אָבער אָן דער אָוועגט און דערהערט ער, אַז הײַנט גיט מען אין יודישען טעאַטער „בּינקע־פֿינקע“, „יודעלע קלאַפּ“ אָדער „אַ פּאַטש אין גוט־שבת“, פֿערגעסט ער אָן זײַנע דרשות מכח „דעם גוטען טעאַטער־געשמאַק, וואָס איטליכער אײראָפּעער דאַרף בּעזיצען“, און סמאַקעוועט זיך מיט די לידלעך „לעולם תקח, אַז מען גיט — פּיק איך“, „נאַ דיר אַ קיטעלע, גיב מיר אַ צווייטעלע“, א. א. וו.

ווי איך זיץ אַזוי און טראַכט מײַנע נישט־פֿרעהליכע רעיונות, עפֿענט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן צו מיר אַן אַרויסגעבער פֿון אַ גרויסער יודישער צײַטונג. און כאָטש די וויטערונג איז געווען אַ שלעכטע, איז ער אַרײַנגעקומען אַ פֿרעהליכער, אַ מונטערער. און אַז איך האָב איהם אָנגעהויבען צו דערצעהלען מײַנע אומעטיגע מחשבות, האָט ער זיך בּרייטליך צעלאַכט:

— דער יודישער לעזער איז נישט דאָס, וואָס אַמאָל, — האָט ער מיר אָנגעהויבען צו טרייסטען — גיט אַ קוק, וואָס פֿאַר אַ רעקלאַמעס עס פֿלעגען זיך דרוקען אַמאָל אין אַ יודישער צײַטונג און הײַנט. אין אַ פֿאַרצײַטיגער „הצפירה“, „המליץ“ פֿלעגט איהר חוץ מומחים אויף „חולה שבר“ מיט זייערע בּרוך־בּאַנדאַזשען, חוץ עגונות, מלמדים, חזנים אויף ימים־נוראים, אתרוגים־הענדלערס סוכות־צײַט און מצה־בּעקערס פּסח־צײַט, — נישט געפֿינען קיין איין אָנשטענדיגע רעקלאַמע. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אַנדערע בּעדערפֿענישען האָט שוין נישט דער יוד.

הײַנט איז גאָר אַן אַנדער וועלט! ס'איז דאָ שוין רעקלאַמעס עקסטרע פֿאַר מאַנסבּילען און עקסטרע פֿאַר ווײַבּער. איהר האָט רעקלאַמעס פֿאַר איטליכען יודישען אבר בּעזונדער. פֿאַר האָר בּעזונדער, פֿאַר די הויט בּעזונדער, פֿאַר'ן מאָגען בּעזונדער און תּאַר... נאָר וואָס איז דאָ צו רעדען?

זײַט נישט אַזאַ פֿעריאָמערטער, עפֿענט אויף בּרייט די אויגען וועט איהר זעהן, ווי אויסגעוואַקסען איז הײַנט דער לעזער. ער עסט שוין נישט קײַן געוועהנליכען האָבער, נאָר אַמעריקאַ־

בער „קוואַקער־אָטס“; ער פּאַרעט זיך שוין נישט אין אַגע־
וועהנליכער באָד; ער קוויקט זיך שוין אין די פּאָרצעלייַענע וואַ־
נעס פון „טעפּידאַריום“. ער בענוצט שוין נישט די אַלטע מיט־
לען, ער נוצט שוין „אַרמאַטין“, „מערגאַל“, אָדער „סאַלוואַרסאַן“.
קורץ, ער איז שוין נישט דאָס, וואָס געווען. און אויב איהר
צווייפעלט נאָך, גיט אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אין מייַן בוזים־
קעשענע, ווען איהר אַ לעבעדיגער ווערען, — און ער האָט אַרויס־
גענומען פון בוזים־קעשענע אַ באַרג רעקלאַמעס, וואָס דאַרפען צו
פרייטאָג אַרייַן אין צייַטונג.

דערווייַל האָט זיך דער הימעל אַביסעל אויסגעלייַטערט, און
מיר איז אויך געוואָרען לייַכטער צו מוט. איך האָב חרטה גע־
האַט אויף מייַנע מחשבות מכח דעם יודישען לעזער און. איך
האָב שוין אויך אָנגעהויבען גלויבען, אַז דער יודישער לעזער
איז נישט דאָס, וואָס אַמאָל. איך האָב פאַר איהם בושה בעקו־
מען. עפּעס אַ קלייניגקייַט, ער נוצט דאָך אַזעלכע טייַערע מיט־
לען, ווי „אַרמאַטין“ און „מערגאַל“!

# חיים טינטענפאס.

עפענט זיך די טיר, און עס קומט אריין צו מיר חיים טינטענפאס, א בעקאנטער יוד אין אלע יודישע און גויישע רעדאקציעס, און פאלט אנידער אויפ'ן שטול א שטארק-פערמאטערטער. רעד איך שוין נישט קיין ווארט און גיב איהם א קליינעם פעמזען-שטיין אבצוואשען די טינט-פלעקען פון זיינע פערשמירטע פינגער, — און טראג איהם צו א גלעזעלע קאניאק מיט א קיכעל אויף אבצוחלש'ן דאס הארץ.

איך דארף שוין נישט פרעגען. איך ווייס שוין, אז היינט האט ער געהאט א בייזען טאג אין דער רעדאקציע, איינעם פון די טעג, ווען מען דארף אנגרייטען וועגען דערזעלביגער פראגע צוויי ארטיקלען אויף אמאל: איין ארטיקעל, וואו עס זאל זיך הערען א יאמער און א קלאג, און א צווייטען, וואו עס זאלען טאנצען און קלינגען פרעהליכע גלעקלעך און דאס הארץ זאל צעפלאצט ווערען פאר פרייד.

מאכט זיך אמאל, אז עס האלט א גרויסער מענש, א גדול הדור, ביים שטארבען, און די דאקטוירים האפען נאך אליין, אז אפשר וועט זיך בעווייזען מיט אמאל א נס, און ער וועט ארויס פון סכנה — כאפט חיים טינטענפאס אין דער הייסער מינוט א בלאט פאפיר און גרייט אן פאר דער רעדאקציע איין יאמער-ארטיקעל, — טאמער שטארבט דער גדול, — און א צווייטען, פרעהליכען, לעבעדיגען, פאר שמחה טאנצענדיגען ארטיקעל, — ווען דער גדול וועט אפשר דערלאנגען דעם „טשיך“, וואס דאקטוירים רופען דאס „א קריזיס צום גוטען“.

מאכט זיך ווידער אמאל, אז אין דעם טאג פונ'ם גדול'ס יאהרצייט לעגט זיך אוועק זיין אייניקעל אין קימפעט און האט א יונ-

געלע — זיצט שוין טינטענפאס ביים שרייב=טיש און וויינט, און יאָמערט אויפ'ן גדול'ס טויט, „וואָס דאָס לאַנד קאָן זיך נאָך נישט בערוהיגען זינט 50 יאָהר", און תיכף ומיד צעגיסט ער זיך מיט אַ יום=טוב'דיגען מאמר מכח דעם גדול'ס אייניקעל און שרייט מיט גליקליכע טרערען אין די אויגען: „מזל=טוב! מזל=טוב! מזל=טוב דעם פאָלק, וואָס עס האָט דערלעבט צו נייהען ווינדעלעך פאַר דעם אייניקעל פון אונזער פאָלק!".

מאַכען זיך וואַהלען ערגעץ=וואו, און מען ווייסט נישט, צי עס וועט אַרויס פון די וואַהלען אַ רשע מרושע, אָדער אַ קלענערער רשע (און אפשר גאָר אַ יוד) — אַרבייט שוין חיים טינטענפאַס אויף דריי אַרטיקלען מיט אַמאָל. דער ערשטער איז אַ יאָמער און אַ קלאָג מיט אַ ציינקריטשעריי, — דער צווייטער איז שוין אָהן ציינקריטשעריי און דער דריטער איז אַ שמחת=תורה=טענצעל און אַ מבול פון פריידען=טרערען.

חיים טינטענפאַס איז אַ מאַידים אויף אַזוינע צופאַלען. אין די רעדאַקציעס איז ער דער כלי=זמר, וואָס שפילט אויף אַלע אינסטרומענטען. מען ווייס, אַז גאָט האָט איהם געגעבען צוגלייך די שליסלעך פון טרערען, ווי דעם בונד שליסלען פון רינה, ריצה, גילה וחדוה, און מען שעצט איהם דערפאַר, און מען נוצט איהם דערפאַר אויס טאַקע גאַנץ געשמאַק.

חיים טינטענפאַס, נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען דעם קאָניאַק און פערביסען מיט אַ קיכעל — איז אַ ביסעל געקומען צו זיך.

— ווידער אַזאַ טאָג? — האָב איך געפרעגט מיט רחמנות.

— און נאָך ווי! — האָט ער אָנגעהויבען זיפצען — צי ווייסטו גאָר נישט? גליקליכער מענש! וואָלט איך בעסער אויסגערונען געוואָרען, איידער איך בין געוואָרען אַזאַ תקיף אין די רעדאַקציעס!

ער האָט אַ טיפען אָטעם געטאָן.

— אין וואַרשע זיינען היינט וואַהלען, מוזטו זיך צערייסען אויף דריי אַרטיקלען מיט אַמאָל! אַ מיניסטער איז קראַנק — צערייס זיך ווייטער אויף צוויי שטיקער. אין אָדעס הענגט אַ יודענס קאַנדידאַטור אין דומע אויף אַ האָר — הענג איך אויך אין דער

לופֿטען, און שרײַב אַזוי און קאַפּויער. דער בעקאַנטער לייב-דאָקטאָר פֿון גערער רבי'ן איז שטאַרק קראַנק, — בין איך אויך נישט זיכער מיט'ן לעבען. איך מוז תיכף ומיד שרײַבען דרײַ אַרטיקלען אויף אַמאָל, אַז איך זאָל זײַן גרייט צו אַלע צופֿאַלען. איך װער הײַנט פּשוט משוגע, — און ער פֿרעגט נאָך!

איך האָב מיט גרויס רחמנות צורעכט געמאַכט אויף דער קאַנאַפּע אַ געלעגער פֿאַר חיים טינטענפֿאַס, אַראָבגעלאָזען די גאַרדינען און שטיל אַרויס פֿון צימער.

זאָל ער זיך כאָטש נעביך אויסשלאָפֿען.

# איוואַן פּימאַוו.

דער פּימאָוו איז בטבע אַ יוד פון איישישאָק. און הייסען הייסט ער אידעל איזראַעלסאָן, נאָר אַזוי ווי ער איז אַ שרייבער אין די רוסישע זשורנאַלען און צייטונגען, האָט ער מפני דרכי שלום זיך פערשטעלט אונטער דעם נאָמען איוואַן פּימאָוו.

אַ גאַנץ יאָהר פלעגט ער זיך ווי עס איז דורכקירעווען זיין װעלטעל: דאָ אַן ערצעהלונג, דאָרט אַ נאָוועלע, דאָ אַ נאָוועלע און אַז. וו.

זאָגען, אַז ער איז געווען דער איינציגער אין דער רוסי־שער ליטעראַטור, קאָן מען נישט. נישט אַלע זיינע שאַפונגען פלעגען בעקומען אַ שענעם קבלת פּנים. איזראַעלסאָן איז שוין גע־ווען זעהר צופרידען, ווען פון צעהן זיינע שאַפונגען פלעגט מען אָננעמען איינע.

פלעגט ער טאַקע אַ גאַנץ יאָהר זיין אַ נצרך נעביך, און פלעגט אָבפּטר'ן זיין מאָגען מיט מאָגערע גמילות־חסדים, וואָס ער פלעגט בעקומען פון זיינע בעקאַנטע יודישע סוחרים, וואָס שטיצען אָפט אַן אָרימען יודישען ליטעראַט, וואָס האָט די זכיה צו ווערען געדרוקט אין די גוי'ישקע אויסגאַבען.

איוואַן פּימאָוו האָט נישט נאָר פערשטעלט, ווי מרדכי בשעתו, זיין נאָמען און אָבשטאַם. ער פלעגט זיינע טעמעס אויך פערשטעלען. למשל, אַלס יוד האָט ער נאָר גוט געקענט זיין שטעטעל מיט'ן גביר פון שטעטעל, מיט'ן דין, מיט'ן רב, מיט'ן וואַסער־טרעגער, א. א. וו.

דאַרף מען אָבער זיך דאָך פערשטעלען פאַר'ן גוי, פלעגט ער מאַכען פון גביר אַ מאָסקווער „קופּעץ", פון דין אַ דיאַטשאָק, פון וואַסער־טרעגער אַ רוסישען פויער אין „אָנוטשעס", וואָס ליגט

בײַם טײַך מיט אַ פּאָר לײדיגע עמער, און דבר'ט ווי אַ גאַנצער פֿילאָזאָף.

אמת, עס פֿלעגט זיך פֿיהלען עפּעס אַ מאָדנער טעם פֿון פּימאָוו'ס העלדען. אָבער דעם טעם פֿלעגט דערפֿיהלען נאָר אַ יוד; דער גוי פֿלעגט גלאַט קוועטשען מיט די פּלײצעס און פֿלעגט זיך וואונדערן, וואָס פֿאַר אַ נײַ-מאָדנע רוסישע טיפּען פּימאָוו ברענגט אַרײַן אין זײַן ליטעראַטור.

פֿאַר אַ גויישקען יום-טוב פֿלעגט פּימאָוו אָבער ווערען גאָר אַ לעבעדיגער. דאָס איז דער סעזאָן פֿאַר אַלע מיני קורצע נאָוועלען וועגען אַ קריסטליכען יום-טוב, און דעמאָלט קלעקט ניט קײַן הענט, אום צו בעזאָרגען די פֿיל רוסישע צײַטונגען מיט מעשה'לעך מכּח „ראָזשדעסטוואָ“, אָדער „פּאַסחאַ“.

אין דעם דאָזיגען סעזאָן אַרבײַט פּימאָוו פֿאַר אַ טוץ צײַטונגען אויף אַמאָל, און זשאַלעוועט נישט זײַן אָרימען מח אויסצוטראַכטען אַלץ נײַע מעשה'לעך פֿאַר'ן רוסישען לעזער אין די טעג פֿון זײַן יום-טוב.

דער סעזאָן פֿערזאָרגט איהם כּמעט אויף עטליכע חדשים אין יאָהר, און גיט איהם אַפֿילו די מעגליכקײַט זיך צו לאָזען אַמאָל וואויל-געהן אין אַ גוטען טײַערן רעסטאָראַן.

אין די גוטע טעג *שמד'ט ער אָב דאָס גאַנצע שטעטעל זיינס*.

יודישע קינדער בעקומען מיט אַמאָל די פּנימ'ער פֿון אַ פֿרעהליכען שײגעצ'ל בײַ דער „יאָלקע“, וואָס פֿערמאַטערט דעם טאַטען דעם גבֿיר פֿון שטעטעל (דעם „מאָסקווער קופּעץ“) מיט אַזוי פֿיל קשיות, אַז ער האָט שוין עפּעס אַן אָנבליק פֿון אַ יודישען עלוי.

היים דער וואַסער-טרעגער, וואָס הײסט מיחיי, וואַרימט זײַנע פֿערפֿרוירענע הענט בײַם שײַן פֿון די יאָלקע-ליכטלעך, און זאָגט אויף פּויעריש-רוסיש אַזאַ שפּראָך: אָט די דאָזיגע ליכטלעך דערמאָנען מיר די צײַט, ווען עס איז אַראָב אַ הײליגקײַט אויף דער וועלט, און ווערט אַזוי פּאָעטיש פֿערטראַכט, ווי אַ יוד, חנוכּה-צײַט, ווען ער שעפּטשעט „הנרות הללו“.

דען דין דער „דיאַטשאָק“ האַלט נישט פֿון „בּיטערן טראָ=

פען״, און ווען ער טרינקט שוין יאָ אויס אַ קעלישעקל אויף „ראָזש־דעסטוואָ״, זאָגט ער דערבײַ, ווי אַ דין שמחת־תורה־צײַט: „פרעהט זיך און יאָלצט מיט דער פרייד פון דער נײַער תורה, וואָס „דאָס קינד״ האָט אונז געגעבען פאַר אַ פּאָר טויזענט יאָהר״.

און די רבי׳צין זעהט שוין אויס, ווי די אַלטע פירסטין יעלענאַ מאַטווייעווּנאַ, וואָס גערט אַליין קלײַבען אין די הײַזער פאַר אָרימע קריסטען, וואָס האָבען נישט אויף אַ יאָלקע.

קורץ און גוט, פּימאָוו אַרבײַט אויף אַלע כלים, שמד׳ט־אָב אַ יודיש שטעטעל און שטאָפּט אָן די קעשענעס מיט קלינגענדע מטבעות, וואָס קלעקען אויף אַ פּאָר חדשים חיונה.

און דעמאָלט הויבט ער זיך שוין אָן אָנצוגרייטען אויף דעם קינפטיגען יום־טוב, ווען ער וועט ווידער אָב׳שמד׳ן אַלע זײַנע יודישע בעקאַנטע, צופּאַסענדיג זיי צום קריסטליכען פּסח.

# פֿאַרנאַכטיגע פֿילאָזאָפֿיע.

... זיצט זיך מיין פֿריינד, חיים דער ליטעראַט, אין אַ פֿאַרנאַכטיגער שעה בײַ זיין שרייב־טיש און פֿון זיין מויל שיטען זיך פֿילאָזאָפֿישע פּעריל.

ער האָט אָקאָרשט צעריסען עטליכע בויגענס בעשריבען פּאַפּיר און ער איז שטאַרק נישט צופֿרידען מיט זיך. דוכט זיך, דער געדאַנק אין קאָפּ איז קלאָר... ווי נאָר אָבער ער הויבט זיך אָן אַרויסגיסען דורך די טינט פֿון דער אײַנגעטונקטער פֿעדער, ווערט ער אַזוי טונקעל, ווי די שוואַרצע פֿליסיגקייט אין זיין טינטער.

און אַז עס איז נישט היימליך אויפֿ'ן האַרצען, הויבט מען אָן צו פֿילאָזאָפֿירען.

— צי האָט איהר אַמאָל בעטראַכט אַ סאָלדאַטסקען שטיוועל? — גיסט זיך אין דעם פֿאַרנאַכטיגען האַלב־טונקעל זיין מידער קול, — זיי פּאַסען צו איטליכען פֿוס און פּאַסען נישט צו קיין פּאָר פֿיס אויף דער וועלט. זיי זײַנען אַזוי ברייט, אַז אין אַ נויט קאָן מען זיי אַרויפֿציהען אויף וועלכען פֿוס איהר ווילט, אָבער קיינמאָל האָט מען נישט דאָס געפֿיהל, אַז מען געהט אין אייגענע שטיוועל.

און חיים האָט מיט אַ שווערען בליק אַ קוק געטאָן אויף זײַנע צעריסענע בלעטלעך.

— אונזערע געדאַנקען און געפֿיהלען זײַנען נאַקעטע נשמות, וואָס זוכען פֿאַר זיך אַ גוף. מיר שאַפֿען פֿאַר זיי אַ געוועב פֿון ווערטער, געשריבענע, גערעדטע, מיר נייהען פֿאַר זיי אַ בגד, וואָס האָט כמעט דאָס אייגענע פּנים פֿון אַ סאָלדאַטסקען שטיוועל. זיי פֿיהלען קיין מאָל נישט, אַז דאָס קלייד, אין וועלכען

מיר האָבען זיי אויסגעפוצט, איז ספּעציעל געמאַכט פאַר זיי, אַקוראַט צוגעפּאַסט פאַר זיי.

זײַנען מיר בייז, קאָנען מיר קיינמאָל גענוג ניט אויסמעסטען די קראַפט פון דעם קלאַפּ, וואָס מיר גיבען דעם געגנער אונזערן. אמת, דער הונט איז ווערט דעם שטעקען, אָבער ער האָט פונדעסטוועגען נישט פערדינט, אַז מיר זאָלען איבער זײַן רוקען דעם שטעקען צוברעכען.

... און זײַנען מיר גוט און וואויל, פול מיט צערטליכע געפיהלען און ליבשאַפט, דערשטיקען מיר אונזער געליבטע זאַך אין אונזערע צו פעסטע אָרעמס, לאָזען מיר זי נישט עטעמען צוליב די צעהנדליגער קושען, מיט וואָס מיר פערזיגלען איהר מײַלכעל.

... מיר האָבען קיינמאָל נישט די ריכטיגע מאָס, און אונזערע געדאַנקען און געפיהלען מוזען זיך אייביג שפּירען, ווי מען וואָלט זיי געגעבען אַ שטאַרק ניט בעקוועמע דירה, ווען ווינטער-צײַט פײַפט דער קאַלטער ווינט פון די קוימענס און פענסטער, און זומער-צײַט ווערט זי אָנגעברענט פון די צו הייסע שטראַלען.

... די סאָלדאַטסקע פיס, איידער זיי מאַכען אַ טריט אויף דער ערד, מוזען זיי נאָך מאַכען צוערשט אַ טריט אין שטיוועל גופא. אויך אונזערע געדאַנקען און געפיהלען מוזען זיך נאָך לאַנג צאַפּלען אין צו ברייטען מלבוש זייערן, איידער זיי רוקען זיך ווײַטער — פון מענש צו מענש.

... אויב אונזער גוף ערוואַרט אַ גיהנום מיט אַ מלאך הדומה אויף יענער וועלט, — האָבען שוין די אייביג-נאַקעטע נשמות זייער גיהנום אויף דער וועלט.

— צײַטענווײַז דוכט זיך מיר, — האָט ווײַטער חיים געפילאָזאָפירט, — אַז דער אויבערשטער מאַכט מיט אונז חוזק. ער האָט בײַ אונז דערוועקט אַ חשק צו שיסען אין ציל און דערבײַ האָט ער געמאַכט פון אונזערע הענט אַן אומגעלומפּערטע האַלב-געליימטע זאַך. דו זעהסט דאָס ציל, שטעלסט אָן דעם ביקס, און אין לעצטען מאָמענט קומט עפּיס אַ שדל און פערקירעוועט דײַן אָרעם אין אַלע שוואַרץ יאָהר.

חיים האָט זיך אַ ווײַלע פֿערטראַכט.

— איך בין ניט דער ערשטער, וואָס האָט דערפֿיהלט, ווי ווייניג עס זײַנען צוגעפּאַסט אונזערע ווערטער און טאַטען צו אונ־זערע געדאַנקען און געפֿיהלען.

אַ סך גרעסערע מענשען האָבען שוין דאָס נאָך פֿאַר מיר אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער. אָבער איטליכעס מאָל, ווען עמיצער דערפֿיהלט דאָס, צעגיסט זיך אין זײַן האַרצען אַ צער אויף זיך אַליין, ווי אויף אַלע מענשען, וואָס ווילען, אַז זייערע געפֿיהלען און געדאַנקען זאָלען פֿערלירען די אינעווייניגסטע נאַ־קעטקײַט און בעקומען אַן אייגענעם גוף.

פּלוצלונג האָט דער טעלעפֿאָן אָנגעהויבען קלינגען, און אַז חיים האָט גענומען דאָס רעהרעל צום אויער, האָב איך דערהערט, ווי ער זאָגט:

חיים האָט אַוועקגעלעגט דאָס טעלעפֿאָן־רעהרעל, טיף אָב־

— גוט, גוט, שיקט צו אַ יונגעל, 10 אַ זייגער וועט דאָס זײַן פֿאַרטיג.

געזיפֿצט, אָנגעצונדען די לאָמפּ און גענומען צורעכט מאַכען זיי־נע פּאַפּירען אויפֿ'ן שרײַב־טיש.

מיט אַ פֿערשעמטען, פֿערלעגענעם בליק האָט ער מיך גע־בעטען איהם בעזוכען אַן אַנדערש מאָל, ווײַל ער מוז נאָך הײַנט פֿאַרטיג מאַכען זײַן מאַנוסקריפּט פֿאַר אַ וואָכענבלאַט.

# דער יוביליאַר.

... האָט זיך אין דעם טאָג די טיר נישט צוגעמאַכט בײַ איהם. אַלע ווײַלע האָט זיך בעוויזען אַ טעלעגראַפיסט אין אַ באַשליק, — ווײַל עס איז געווען אַ גרויסער פראָסט — און האָט געבראַכט פון דער גאַנצער וועלט גליקוואונשטעלעגראַמעס.

אַ סך הײַזער האָבען אַרויסגעשטעלט פאָנעס, ווי אין אַ טאַבעלטאָג, און אַלע צײַטונגען זײַנען אַרויס אין יענעם טאָג מיט גרויסע אילוסטרירטע בײַלאַגעס, וואָס האָבען געוויזען דעם פּאָעט אין אַלערליי פּאָזעס: בײַם שרײַב-טיש, בײַם עס-טיש, צווישען די בוימער בײַם שפּאַצירגאַנג, און אַ פערטראַכטען בײַם ברעג פון ים.

לכבוד דעם פּאָעט האָט מען אויך געוויזען אין דעם טאָג אין די בלעטער זײַן אַלטע מאַמע אין ציפּיק, זײַן טאַטען, זײַנע זיידעס און עלטער-זיידעס, זײַנע זיידעס און עלטער-זיידעס, זײַנע קינדער און זײַנע אייניקלעך.

אויף דאָס קליינע הײַזעל, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, און וואָס עס שטעהט נאָך ביז הײַנט אַ קליינע חורבה אין אַ הינטערשטע געסעל — האָט מען אָנגעשלאָגען אַ מאַרמאָרנעם טאָוועל, און שטאָט האָט אָבגעקויפט די חורבה צוזאַמען מיט דעם פערלאָזענעם גאָרטען אַרום איהר. אין דעם פערלאָזענעם גאָרטען געפינט זיך נאָך דער דעמב, וואו דער פּאָעט האָט ליב געהאַט צו שטעהן אַ פערטראַכטער, און וואו ער האָט יונגעלווײַז זיך געשפּילט מיט די זונענשטראַלען, און מיט די קליינע באַבעלעך, וואָס קריכען אויף גרעזעלעך...

— וועגען וועמען רעדסטו? — האָב איך איבערגעהאַקט מײַן חבר, אויך אַ שרײַבער, וואָס איז צעגאַנגען פון מתיקות, און זײַנע אויגען האָבען גליקליך-פערקלערט געבלאָנדזשעט איבער די

ווענט פון מײַן נאַקעטען שלעכט געקאַלכטען צימער. — דו מיינסט דערמיט אפשר פּרץ, וואָס איז מיט מול געוואָרען נישט לאַנג 60 יאָהר?

ווי אַ טויבער האָט ער אָבער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זײַנע צעפלאַמטע אויגען און האָט ווײַטער גענומען רעדען.

... און בײַ נאַכט — נישט געקוקט אויף דעם גרויסען פראָסט, האָט זיך צונויפגעקליבען די גאַנצע יוגענד פון שטאָט, — אַ טייל זײַנען נאָך עקסטרע געקומען צו פאָהרען אַהין, — און האָבען זיך בעוואָפענט מיט גרויסע פלעקער, וואָס די העלפט פון זיי זײַנען געווען אײַנגעטונקט אין פּעך, האָבען דאָס אָנגעצונדען, און, ווי מיט גרויסע גראָבע שבת-ליכט, האָבען זיי זיך געלאָזען צום פּאָעטס באַלקאָן, איהם אָבצוגעבען אַ ליכטיגען פײַערדיגען מזל-טוב צו זײַן יובילייי.

אַזאַ מין קבלת פּנים רופען זיי פ אַ ק ע ל צ ו ג. און אַזאַ קבלת פּנים בעקומען נאָר די בעסטע און גרעסטע פון דער אומה...

— וועגען וועמען רעדסטו?! — האָב איך זיך שוין צעבייזערט. — צו פּרץ'ס לעצטען יובילייי האָב איך אַפילו קיין איין רעכטען אַרטיקעל נישט געלייענט אין אונזער פּרעסע, און בן-עמי'ס 30-יעהריגער יובילייי איז ערשט דאָך דעם 15-טען אין שבט. זשענעווע, וואו דער פּאָעט וואוינט, האָט שוין מן הסתם בעשטעלט אַ גאַנצען זאַק באָקסער...

— מײַן חבר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט ווײַטער געזונגען:

— אַלע טעאַטערס אין שטאָט האָבען געשפּילט דעם אָווענט זײַנע דראַמעס, אין די גרעסטע רעסטאָראַנען האָבען טויזענטער מענשען געמאַכט לכּבוד דעם פּאָעט באַנקעטען, וואו די בעקאַנטסטע קריטיקער פון לאַנד האָבען מיט גרויס התלהבות געהאַלטען פּראַכטיגע רעדעס.

— מן הסתם ד. פרישמאַן, ראובן בריינין, — האָב איך שוין צעקאָכטערהייט געזאָגט.

— שטאָט קלײַבט זיך איהם צוצוטראָגען איהרע אָבליגאַציעס פאַר 50 טויזענט און פרײַ מאַכען זײַנע קינדער און קינדס קינדער פון אַלע שטאָטישע אָבגאַבען.

— און בטל מאַכען פאַר זיי די „פּראָצענטען" אין די שולען און אוניווערסיטעטען, און זיי צו געבען פּראַוואָזשיטעל־סטוואָ אין סיביר און טורקעסטאַן, און צו ערלויבען עמיגרי־רען, וואוהין זייערע אויגען טראָגען זיי, — האָב איך איהם איבער־געשלאָגען די דרשה, מאַכענדיג יודישע פערקרימטע העויות. — וועגען וואָס פאַר אַ יובילאַר דרש'עסטו?! האָב איך שוין אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אויפ'ן הילצערנעם אָרעמען הינקעדיגען טיש.

— וועגען וועמען זאָל איך רעדען? — האָט ער תמ'עוואַטע געענטפערט, — אַודאַי וועגען סטרינדבערג'ן! צי ווייסט דו נישט, אַז ער איז געוואָרען די וואָך אַ יובילאַר?

— אַזוי איז די מעשה, האָב איך אַראָבגעלאָזען די נאָז.

— אָבער וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה? — האָב איך איהם שוין רוהיגער געפרעגט.

— וואָס הייסט? מיר זיינען דאָך עפּעס אויך שרייבערס, און ווי זאָל מען דאָס נישט האָבען הנאה דערפון, וואָס מען גיט אָב אַזוי פיל כבוד אַן אייגענעם קאָלעגע?

און פערקלערטערהייט האָט ער נאָך צוגעלעגט:

— איך רעכען, אַז ווען ביאַליק וואָלט געלעבט אין אַ ראשון לציון, וואָלט ער אפשר געהאַט נישט ווייניגער כבוד צו זיין יובילייי, וואָלט ער אפשר דערשפירט די אייגענע דאַנקבאַר־קייט פון דער יוגענד צו זיך און צו זיין פּאָעזיע, ווי סטרינדבערג אין נאָרוועגען. אפשר נישט?

איך האָב זיך ווייטער דערמאָנט אָן פרצ'עס פאַר־יאָהריגען יובילייי און געזאָגט:

— וואַרשע איז טאַקע צו גרויס פאַר אַ יודישען יובילאַר, מען דאַרף זיך אַריבערפעקלען אין אַן ארץ־ישראל'דיגער קאָלאָ־ניע. אַ מענש קאָן גאָר נישט וויסען. מען קען נאָך אַמאָל דער־לעבען צו אַ יובילייי.

# ס'פעהלט דער מין.

האָבען מיר איבערגעלעבט אַלט טעג מיט באַנקעטען. ס'איז געווען ביי אונז שמחות אויף שמחות.

האָבען מיר זיך משמח געווען.

און אַזוי ווי דער רוב באַנקעטען זיינען ביי אונז ליטע־ראַרישע, זיינען מיר, יודישע ליטעראַטען, אַרוים פון אַלע אונ־זערע שטעלכלעך און שפעלטלעך.

זיינען געקומען אַלע רעדאַקציעס מיט זייערע רעדאַקטאָ־רען און ערשטע מיטאַרבייטער.

האָט זיך געטראָגען איבער די טישען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט מיט אַלערליי משקאות, וואו די סיפאָנעס מיט זעל־צער־וואַסער האָבען פערנומען דעם בכבוד'יגסטען פלאַץ — דאָס פליגעל־רוישען פון מלאך השלום.

האָט מען געהאַלטען רעדעס, ערנסטע און וויציגע, קלו־גע און נאַרישע, געלונגענע און ניט געלונגענע. מוזיק האָט גע־שפילט, פיש און געמיזעס האָט מען געגעסען, לחיים'ס האָט מען געטרונקען און מענערשע לעפצען האָבען זיך געקושט איינס מיט'ן אַנדערן. אָבער פרעהליך איז נאָר געווען דעמאָלט, ווען פון די טישען האָט זיך נאָך געטראָגען אַן אָפיציעלער כאַראַקטער.

עס איז עפּעס געווען היימליך אויפ'ן האַרצען.

מען האָט געוואַרט אויף דעם אַנדער טייל פון אָווענט, ווען די אָפיציעלע געבונדענקייט וועט אַריבער אין אַ שטיפערי־שער פרייהייט.

דעמאָלט איז אָבער ביסלעכווייז די שמחה עפּעס פערשטערט געוואָרען.

עס איז געקומען פון לאַנגווייַלע.

און ווייסט איהר פֿאַרוואָס?

עס האָט געפֿעהלט דער מין.

האָט זיך איינער פֿון דער חבֿריא מיט אַ זיפֿץ אויפֿגע־הויבען פֿון זיין שטול, וואו ביי די פֿיס האָט זיך געקוילערט דער נודנער גרין־גראָהער שד — די לאַנגווייַלע, האָט אויך אויפֿגעהויבען זיין כּוס, אָנגעפֿילט איהם ביז די ברעגעס מיט זעלצער־וואַסער און האָט געזאָגט:

— חבֿרים! האָט איהר כאָטש איינמאָל געזעהן אַ יודען, וואָס זאָל זיך בעגעגענען סוכּות מיט דריי מינים, וואָס זאָל געהן צו די הקפֿות אָהן די שענע הדסים? חבֿרים, מיר האָבען געזינדיגט! מיר זיינען אַהער געקומען אָהן דעם טייערן מין. עס פֿעהלט אונז די שענע הדסה. דעריבער איז אונז טאַקע נישט פֿרעהליך און נישט היימליך.

— קאָלעגען! — האָט איבערגעריסען דעם רעדנער אַ צווייטער — אמת טאַקע, אַז איך האָב נישט געזעהן, אַז אַ יוד זאָל סוכּות אַריין אין שול אָהן אַלע פֿיר מינים. אָבער איך האָב געזעהן, ווי אַ מלמד האָט געגעסען אַ פֿיינקוכען, וואו די רבי׳צין האָט נישט אַריינגעלעגט נישט קיין אייער און נישט קיין פּוטער. דעריבער, ברידער, נעמט זיך אַראָב אַ מוסר פֿון מלמד און זייט פֿרעהליך אָהן דעם שענעם מין.

— דער מלמד איז נישט שולדיג פֿאַר׳ן שלעכטען פֿיינקוכען! שולדיג איז די רבי׳צין! — האָט מען אָנגעהויבען שרייען פֿון אַלע זייטען.

— אַך, וואו נעמט מען כאָטש אַ רבי׳צין! — האָט הויך אָבגעזיפֿצט אַ יונגער פּאָעט, וואָס איז געזעסען פֿאַראומערט אין אַ ווינקעל.

דאָ האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ דריטער פֿון זיין אָרט.

הויך און בויגעוודיג ווי אַ לאָקש מיט אַ שפּאָטיש פֿייערל אין די קליינע אויגען, האָט ער אויסגערופֿען:

— רבותי! ווילט איהר, אַז עס זאָל זיין ביי אונז דער מין, טאָ רופֿט אַריין די אַמאָליגע פּורים־שפּילער, וועלען זיי אייך ברענגען אַ הדסה און נאָך אַ ושתי דערצו. ווילט איהר אָבער, אַז די אילוזיע פֿון דעם שענעם מין זאָל בלייבען ביי אייך אויפֿ׳ן

גאַנצען אָוונט, טאָ האַלט זיך פון ווייטענס פון די ושתּים. וואָרום אָנשטאָט אַ מלכּה קאָנט איהר נאָך מיט אַמאָל דערזעהן אַ פּאָר מענערשע שטיוועל.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט.

עס איז פרעהליכער געוואָרען.

האָט נישט אַ שכּור קיין בראַנפען — רעדט ער וועניגסטענס פון׳ם „בּיטערן טראָפּען״.

און מיר האָבּען נאָך אַ צייט לאַנג גערעדט וועגען „בּי־טערן טראָפּען״, וועגען דעם שענעם מין.

# איראנישע ליפּען.

# א קאנגרעס פון פערליבטע פארלעך.

אַמאָל איז געווען אַ יודישער פֿילאָזאָף...

ווען מען האָט איהם געפֿרעגט: ווער ביסטו? פֿלעגט ער ענטפֿערן: אַ חבֿר פֿון דער גרויסער משפחה „מענש“.

ווען מען האָט איהם געפֿרעגט: וואָס קלערסטו וועגען דער יודענפֿראַגע? פֿלעגט ער ענטפֿערן: עס איז ניטאָ קיין יודענפֿראַגע, נאָר אַ קריסטענפֿראַגע.

און אַז מען פֿלעגט איהם דערצעהלען די מעשה מיט המנ'ען, פֿלעגט ער זאָגען: איהר געדענקט שטענדיג המנ'ס שנאה, און פֿערגעסט דערביי, אַז אֶסתר איז געוואָרען אַ מלכּה און מרדכי אַ משנה למלך.

געלעבט האָט ער אין אַ גרויסער דייטשער שטאָט, אָרעם, פֿערגראָבען אין שטויב פֿון זיין ביבליאָטעק.

אין די יונגע יאָהרען האָט ער געהאַט אַ סך תּלמידים. זיי פֿלעגען קומען צו איהם אויפ'ן 5-טען שטאָק, אויסהערען זיינע טיפֿע רייד, דיספּוטירען מיט איהם, פֿרעגען עצות, וואָס צו לערנען, וואָס פֿאַר אַ דרך צו נעמען אין לעבען... וואָס אַ יאָהר שפּעטער פֿלעגען די תּלמידים אַלץ קומען זעלטענער, און מיט דער צייט זיינען זיי זיך אינגאַנצען צעגאַנגען.

ער איז געבליבען אַליין, אַליין מיט זיינע אַלטע פֿאַרצייטיגע ספֿרים. אין די צייטען, ווען ער פֿלעגט זיך פֿיהלען פֿעריתומ'ט, פֿלעגט ער זיך טרייסטען דערמיט, אַז זיינע תּלמידים, וועלכע זיינען זיך צעפֿאָהרען אויף דער גאַנצער וועלט, פֿערבּרייטען זיינע פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען און פֿערפֿלאַנצען זיינע אידעען אין פֿערשיידענע לענדער. און זיין פֿילאָזאָפֿיע איז געווען גאָר אַ פּשוטע: מיר דאַרפֿען אַלע מענשען ליב האָבען, און אַזוי ווי

מען דאַרף אַלעמען גלײַך ליב האָבן, טאָר מען קײנעם ניט צו שטאַרק ליבן.

ווײַטער האָט ער געזאָגט: אַז ווען מען האָט ליב אַזאַך, איז קײַן חילוק ניט, ווי די זאַך זעהט אויס. ווער עס האָט ליב גאָטס וועלט, זעהט קײַן חילוקים ניט אין גאָטס בעשעפֿענישען. דער ערשטער מענש, וואָס האָט אָנגעהויבן מאַכן אַחילוק צווישען אַבלעטער־בוים און אַנאַדעלבוים איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַרײַנגעבראַכט שנאה אין דער וועלט. דער גאַנצער נאַציאָן־האַס, די פֿרויענפֿראַגע און די מלחמה צווישען די קלאַסען קומט נאָר דערפֿון, וואָס מיר קליגלען זיך און מאַכען חילוקים.

און דאָס האָט ער ניט נאָר געזאָגט: ער האָט אויך געלעבט נאָך דער דאָזיגער תּורה. ער האָט פֿערלאָזען קרובים און עלטערן, פֿערלאָזען די נאָהענטסטע פֿרײַנד און זיך אָבגעשיידט פֿון זײַן אײגען פֿאָלק און פֿון אַנדערע פֿעלקער.

יאָהרען זײַנען אַוועק.

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט איהם אַרײַנפֿאַלען אין די הענט אַבוך, אַזשורנאַל פֿון די לעצטע יאָהרען. און דער פֿילאָזאָף האָט געמוזט אײַנזעהן, אַז דער שטרייט צווישען די פֿעלקער וואַקסט, אַז אין לענדער, וואו עס וואוינען פֿערשײדענע נאַציעס אין אײנעם, שטײַגט די שנאה פֿון טאָג צו טאָג. און ניט נאָר פֿעלקער אונטער זיך פֿערטראָגען זיך ניט, אויך די פֿעלקער צווישען זיך טײלען זיך אין קלאַסען, וואָס האָבען זיך מיט אַנאַנד פֿײַנט, ווי דעם טויט.

דאָס האָט איהם שטאַרק פֿערדראָסען. ער האָט אָנגעהויבען צווייפֿלען, צי טוען די תּלמידים זײער פֿליכט, צי האָבען זיי גאָר געקענט ריכטיג מסביר זײַן זײַנע אידעען...

און אין אײן פֿריהמאָרגען איז ער אַרויס אין גאַס.

די גאַס האָט איהם מקבל פּנים געווען מיט אַברײטען נײַגעריגען שמײכעל. אַלץ איז אויף איהם געווען אַלט, אַפֿילו דער שירעם, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנט. און בשעת ער האָט זיך געפּרובט רעדען מיט עטליכע פֿאַרבײגעהערס, האָט מען איהם ניט באַלד פֿערשטאַנען. די שפּראַך האָט זיך שוין

געענדערט, זייט ער האָט פֿערלאָזען די לעבעדיגע גאַסען און זיך פֿערגראָבען אויפֿ'ן פֿינפֿטען שטאָק צווישען זיינע ביכער.

ער האָט גענומען עפּטערס אַרויסגעהן אויפֿ'ן גאַס. און באַלד טאַקע איז ער דערגאַנגען, וואָס פֿאַר אַ שינוי עס איז געוואָרען אין דער שטאָט. איטליכער מענש פֿון אַ געוויסער נאַציע האָט זיך נאָר געפֿריינדעלט מיט אייגענע, אויסמיידענדיג מענשען פֿון פֿרעמדע פֿעלקער. יעדע נאַציע האָט זיך געהאַט איהר קלוב, איהר קאַפֿע, איהר רעסטאָראַן. די גרויסע שטאָט האָט זיך צעטיילט אויף אַזוי פֿיל קאָלאָניעס, וויפֿיל פֿעלקער אויף דער לאַנד-קאַרטע.

מיט אַ צעבראָכען געמיט פֿלעגט ער זיך אומקעהרען אַהיים.

פֿון דענסטמאָל אָן האָט ער זיך גענומען געגויער צוקוקען, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם. ער האָט אַרונטערגענומען די שטאָרען פֿון זיינע פֿענסטער, וואָס קומען אַרויס אין הויף, און האָט גענומען בעטראַכטען דאָס לעבען פֿון זיינע שכנים.

אין דעם אייגענעם הויז, וואו ער האָט געוואוינט, האָט געדינט אַ פֿראַנצויזישע באָנע. און אַלע טאָג, אַזייגער ניין ביי נאַכט פֿלעגט זי דער פֿילאָזאָף זעהן שטעהן אין טויער צוזאַמען מיט אַ דייטשען אולאַנער.

מיט דער צייט האָט דער פֿילאָזאָף זיך געכאַפּט, אַז דאס מוז זיין אַ פֿערליבט פּאָרעל, דאָס הייסט צוויי מענשען, וואָס קענען זיך אַ טאָג ניט בעגעהן איינער אָהן דעם צווייטען. און איינמאָל ביי נאַכט איז איהם אַריינגעקומען אין מח אַ געדאַנק... אַ געדאַנק, פֿון וועלכען עס האָט איהם כמעט אַ שווינדעל אָנגעכאַפּט.

ס'טייטש! די צוויי פּראָסטע מענשען, וועלכע האָבען קיין מאָל ניט געהערט פֿון זיין פֿילאָזאָפֿיע, לעבען ווי צוויי עכטע פֿילאָזאָפֿען; דער גאַנצער אמת פֿון זיינע געדאַנקען שפּיגעלט זיך אָב אין זייער לעבען. זי, די פֿראַנצויזישע באָנע, ער, דער דייטשישער אולאַנער, ווייזען בעשיימפּערליך ווי צוויי נאַציאָנען קענען זיך אויסגעצייכענט פֿערטראָגען; זיי ווייסען ניט פֿון קיין ראַסענהאַס! ביי זיי איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פֿראַגע, קיין קלאַ-

בֿענפֿראַגע, די טראָגען אין זיך אַ ליבשאַפֿט צו אַלע מענשען, בײַ זי איז אויך ניטאָ קײַן אונטערשייד צווישען מאַן און פֿרוי, זי ליבט איהם, כאָטש ער איז אַ מאַנסביל; ער — זי, כאָטש זי איז אַ פֿרויענצימער! זאָל די וועלט אַמאָל הערען די שטים פֿון ריינער מענשליכער ליבע, זאָלען די פֿערליבטע פּאָרלעך ווערען די אַפּאָסטאָלען פֿון זײַן פֿילאָזאָפֿיע!

מען דאַרף צוזאַמענרופֿען אַ קאָנגרעס פֿון פֿערליבטע פּאָרלעך! און פֿון דעם טאָג אָן איז דער פֿילאָזאָף אפֿשר מיט צעהן יאָהר יונגער געוואָרען.

ער האָט אָנגעהויבען אין די צײַטונגען דרוקען מודעות, אַז אין אַזאַ און אַזאַ שטאָט אין דער שווייץ ווערען אין דעם און דעם טאָג אַײַנגעלאַדען אַלע פֿערליבטע פּאָרלעך צו אַ קאָנגרעס, וואָס וועט זיך בעשעפֿטיגען מיט די פֿראַגען:

1) דער אידעאַלער מענש.

2) נאַציאָנאַליטעטען-פֿראַגע.

3) פֿרויענפֿראַגע.

4) קלאַסענקאַמף.

וואָכען זײַנען אַוועק און קײנער האָט זיך ניט געמעלדעט. דער פֿילאָזאָף האָט אַ צײַט לאַנג ניט פֿערשטאַנען די סיבה דער-פֿון, ביז ער האָט זיך איינמאָל דורכגעשמועסט מיט אַן אַלטער וועשין, וועלכע פֿלעגט אַלע מאָנטאָג קומען צו איהם נאָך וועש. פֿון אַלע זײַנע רייד האָט זי נאָר בענומען, אַז ער זוכט פֿער-ליבטע פּאָרלעך.

— „פֿערליבטע האָט זי געזאָגט, — לייענען בכלל ניט קײַן צײַטונגען, און אויב איהר ווילט, — פּרובֿט אַרײַנשטעלען אײַער מודעה צווישען די מודעות מכּח בּיליגע בעטען, קינדערשע וועש און הייבאַמען".

אין אַ משך פֿון אַ חודש האָבען זיך בעוויזען אַ צעהן פּאָר-לעך, וואָס האָבען סײַ ווי סײַ גערעכענט צו פֿאָהרען אין דער שווייץ, אום דאָרטען אין די בערג צו פֿערברענגען די גוטע טעג פֿון ליבע און צערטליכקײַט.

דער קאָנגרעס האָט זיך געעפֿענט בײַ 19 פּערזאָן — 10 זכרים מיט'ן פֿילאָזאָף, און 9 פֿרויען. איין פּאָרל האָט צוליב

פֿערשיידענע סיבות פֿערשפּעטיגט אויף דריי שעה.

נאָך איידער מען האָט אויסגעקליבען אַ פּרעזידענט האָט מען בעשלאָסען צו געבען די פֿרויען דאָס רעכט צו וועהלען.

און אונזער פֿילאָזאָף האָט זיך געפֿרעהט: אָט זעהט מען, ווי לייכט עס פֿערענטפֿערט זיך די פֿראַגע וועגען פּאָליטישע רעכט פֿאַר פֿרויען ביי פֿערליבטע פּאָרלעך!

ביים קלייבען אַ פּרעזידענט האָט איטליכע פֿרוי פֿאָרגעשלאָגען איהר געליבטען, און מען איז דעריבער באַלד געקומען צום בעשלוס, זיך צו בעגעהן אָהן אַ פּרעזידענט.

און ווידער האָט דער פֿילאָזאָף הנאה געהאַט, ווייל דאָס האָט איהם בעוויזען, אַז וואו עס איז דאָ ליבע, זיינען אַלע גלייך, דאַרף מען ניט קיין איבערשטען איוף זיך, בעגעהט מען זיך אָהן אַ פּרעזידענט.

דערנאָך האָט דער פֿילאָזאָף מודיע געווען: דער ערשטער קאָנגרעס פֿון די פֿערליבטע פּאָרלעך האָט זיך געעפֿענט!

אַ שמחה, אַ גדולה ביי די פּאָרלעך, אַ פּאַטשעריי, מען פֿאַלט זיך קושען...

און ווידער האָט זיך דער פֿילאָזאָף דערפֿרעהט: דען וואו זעהט מען דאָס אַ קאָנגרעס אָהן קנאה, שנאה, פֿראַקציעס און דאָס גלייכען? דאָ אָבער קושט מען זיך!...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פֿון אַ פֿרויענצימער און אַ ווילדער ברום פֿון אַ מאַנסביל. אין דער מהומה האָט איינער אַ קוש געגעבען אַ פֿרעמדע כלה. די אמת'ע כלה האָט דאָס געגעבען דעם קוויטש, דער אמת'ער חתן — דעם ברום. דער פֿילאָזאָף האָט דאָס ניט בעמערקט.

וויבאַלד עס איז שטיל געוואָרען, האָט מען זיך גענומען צום ערשטען פּונקט: דער אידעאַלער מענש.

צוערשט האָט גערעדט אַן ענגלענדער, און זיין אידעאַל איז געווען די קאָפּיע פֿון זיין דיקער כלה, וועלכע האָט זיך געשמאָלצען פֿאַר נחת.

דערנאָך האָט גערעדט אַ דייטש און זיין אידעאַל האָט אויסגעזעהן ווי זיין דייטשקע, ליזכען, מיט'ן ריין אָבגעוואַשענעם פּנים'ל

און גלאַטפֿערקעמטע בלאָנדע האָר, וועלכע איז געווען און געווישט די טרערען פֿון גרויס געפֿיהל.

דערנאָך האָבען גערעדט צוויי איטאַליענער, אַ פֿראַנצויז האָט זיך צעלאָזען ווי אַן ענדיק...

דער לעצטער רעדנער איז געווען אַ מעקון. פֿון גרויס אויפֿרעגונג האָט ער ניט געקענט אויסרעדען אַ וואָרט. קוים מיט מאַטערניש האָט ער אַרויסגעשאָסען: „דער אידדעאַללער ממענש? — אָט!“ און ער האָט אָנגעוויזען אויף אַ בלאַס ווייבעל מיט זעקס פֿינגער אויף דער לינקער האַנט.

עטליכע פֿרויען האָבען זיך אַ קרים געגעבען, עטליכע מאַנסבילען האָבען געשמייכעלט דערביי. דער מעקון איז אַראָב אין גרימצאָרן, און בעשלאָסען זיך אַמאָל נוקם צו זיין.

לסוף האָט גערעדט דער פֿילאָזאָף. ער האָט אָנגעהויבען קריטיקירען די פֿריהערדיגע רעדנער, האָט גענומען בעווייזען, אַז זייערע אידעאַלען זיינען צו סובּיעקטיוו, צוגעשניטען צו איין פּערזאָן, און זייערע רעד — נאָר צו פֿרויען.

נאָר דאָ האָט געפּאַסירט עפּעס אַזוינס, אויף וואָס דער פֿילאָזאָף האָט זיך גאָרניט גערייכט. נעבען איהם איז געשטאַנען דער ענגלענדער און האָט איהם קאַלט געבעטען צו געהן זיך מיט איהם באָקסען. איבער׳ן ענגלענדערס רוקען איז געפֿלויגען צו איהם די וויזיטענקאַרטע פֿון דייטש אויף אַ דועל. די איטאַליענער האָבען זיך געריסען צו איהם מיט מעסערס אין די הענט. דער פֿראַנצויז האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ גאַלישער האָן.

עס איז געוואָרען אַ מהומה. דער פֿילאָזאָף איז געשטאַנען בלייך, ווי קאַלך, די דאַמען האָבען געשריען און געריסען די געליבטע צו דער טיר; עטליכע פֿלות האָבען בעקומען ספּאַזמעס, און דער קאָנגרעס-זאַל איז פֿול געוואָרען פֿון זידלעריי און געוויין.

דערמיט האָט זיך געענדיגט די ערשטע זיצונג. צו אַ צווייטער איז שוין ניט געקומען.

דער פֿילאָזאָף איז שטאַרק אַראָבגעפֿאַלען ביי זיך.

ער איז אַהיים ניט געפֿאָהרען. טרויעריג האָט ער געבלאָנדזשעט נעבען די ברעגעס פֿון גרינען טייך. ער האָט געמאַכט

מיט זיך אַ חשבון־הנפש. אַ מרה־שחורה איז אויף איהם אַרויף, און טיילמאָל האָט זיך איהם געדולט, אַז ער הויבט שוין גאָר־ניט אָן צו פערשטעהן די היינטיגע מענשען. צי איז ער אַ חוני־המעגל? אַ מענש אויף אַ פרעמדען פלאַנעט?

און איינמאָל פאַרנאַכט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער...

* *
*

מען האָט איהם געראַטעוועט. אַרויסגעצויגען האָט איהם אַן אַרבייטער פון אַ זיידענפאַבריק. על פי טעות האָט די רעטונגס־מעדאַל בעקומען דעם אַרבייטערס פאַבריקאַנט.

# דער דאָקטאָר און דער סאָלדאַט.

I.

ד״ר פֿײַטעלגרין האָט זיך ערשט זײַט צוויי יאָהר געשטעלט אויף די פֿיס.

10 יאָהר זײַנען אַוועק, אײדער אין דער פּראָווינץ־שטאָט איז ער אָנגענומען געוואָרען בײַם פּובליקום. עס האָט נישט געהאָלפֿען, וואָס ער האָט אַלע פֿאָר יאָהר געביטען זײַן ספּעציאַלפֿאַך, געוואָרען פֿון אַן אַלגעמײנעם דאָקטאָר אַן אויגען־דאָקטאָר, אַ קינדער־דאָקטאָר א. אַז. וו. עס האָט איהם אויך ווענינ וואָס גענוצט, וואָס ס׳איז אונטערגעקומען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און ער איז כּמעט געבליבען דער אײנאײנציגער יודישער דאָקטאָר אין דער שטאָט. ווײַבאַלד עס האָט זיך געענדיגט דער קריג, און די דאָקטוירים האָבען זיך צוריקגעקעהרט אַהײם — האָט מען אָן פֿײַטעלגרינען פֿערגעסען, ווי אָן פֿאַראַיאָהריגען שנײ.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז ער האָט צופֿעליג אויסגעקורירט אַ יודענע, וואָס איז שוין אויסגעווען בײַ אַלע דאָקטוירים, טאָטערס און האָמעאָפּאַטען. און ער בעקומט אַן אומזיסטע רעקלאַמע.

און ווידער האָט פֿאַסירט מיט איהם אַ וואונדערליכער פֿאַל.

מען האָט אַרויסגעצויגען פֿון וואַסער אַ דערטרונקענעם. אַ פֿאָר שעה האָבען זיך מיט איהם געמוטשעט פֿערשײדענע דאָקטוירים, — דער דערטרונקענעם האָט נישט געוואָלט קומען צו זיך, קומט גראָד אָן ד״ר פֿײַטעלגרין און ראַטעוועט איהם אָב.

קורץ און גוט, מען האָט אָנגעהויבען רעדען פֿון פֿײַטעלגרינען, און ס׳איז נישט אַוועק קײַן צוויי יאָהר, ווי מען האָט איהם שוין געהאַלטען פֿאַר אַ מומחה צו אַלע קרענק.

כּל־זמן פֿײַטעלגרין איז געווען פֿערנומען מיט די גרעבּ־סטע דאגות־חיונה, האָט ער אַפּילו קײַן צײַט און קײַן חשק ניט געהאַט, צו קלערען וועגען העכערע ענינים, ווי, למשל, ערציהונג פֿון קינדער, כּלל׳שע אינטערעסען א. אַז. וו. גראָד דעמאָלט, ווען מען זעהט ניט פֿאַר זיך קײַן זיכערע צוקונפֿט — ווילט זיך ניט קלערען וועגען אַזוינע שמאָכטעס.

ערשט שפּעטער, ווען דאָס ווײַב זײַנס האָט שוין אָבּגעהיט זײַן שלאָף, און נאָך 9 אַזייגער בּײַנאַכט נישט געלאָזט געהן צו קראַנקע — האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין די 15 יאָהר פֿון נאָך זײַן חתונה האָט ער בּעשענקט די וועלט מיט עטליכע קינ־דער; אַז זײַן זונדעל וואַקסט אויס אָהן אַ שום הדרכה, אַז זײַן טעכטערל קען נאָך אַפּילו קײַן יודיש ניט. אַז זײַנע קינדער וואַק־סען אויף אָהן אַ שום פֿאָרשטעלונג פֿון יודען און יודישקײַט.

ד״ר פֿײַטעלגרין האָט נאָך אַמאָל געלערנט אין אַ יודישען חדר, געדענקט נאָך אַ בּיסעל לשון־קודש און לייענט נאָך הײַנט מיט אינטערעס אַ יודיש בּלאַט.

זײַנע קינדער אָבער זײַנען פֿון דער קריסטליכער בּאָנעס הענט אַרײַן אין גימנאַזיע, אין שטוּב איז שטענדיג געווען אַ גוי׳ישע דינערשאַפֿט, און שוין פֿון קליינוויַז אָן האָבען זיי ניט געהערט קיין יודיש וואָרט. און דערבּײַ ווייסט זײַן קליינער מישקאַ, אַז ס׳זע־נען פֿאַראַן פּראָצענטען פֿאַר יודישע קינדער, אַז די „מאַמאַ״ האָט נישט איינמאָל געווײנט פֿאַר׳ן דירעקטאָר, איידער מען האָט איהם צוגענומען אין „פּריגאָטאָוויטעלנעם״ א. אַז. וו.

איין זאַך האָט אָבער ד״ר פֿײַטעלגרין אָבּגעהיט: — דעם יודישען פּסח.

בּײַ זיך אין דער היים האָט ער נישט געקאָנט מאַכען קײַן סדר: גוי׳ישע דינערשאַפֿט, אַ טרפֿ׳ע קיך. אָבער אין דער איינגע־נער שטאָט וואוינט זײַנע אַ שוועסטער, בּײַ וועלכער עס פֿיהרט זיך נאָך יודישליך: דער מאַן איהרער איז אַ סוחר. און אַלע יאָהר לאַדט ער זיך און זײַנע קינדער אײַן צו דעם שוואָגערס סדר: זאָלען די קינדער כאָטש עפּעס וויסען פֿון יודישקײַט.

.II

אויף הײַ יאָהר האָט מען פֿאַר מישען און נינען געקויפֿט 

שענע רוסישע הגדות, יום־טובֿדיג אָנגעטאָן און צוזאַמען מיט מאַמאַ און פּאַפּאַ אַוועק צום פֿעטער.

קינדער, אַפֿילו יודישע, זײַנען בטבֿע נאַאיוו. בײַ מישען און נינען האָט געקלאַפּט דאָס הערצעל און אויף זייערע פּנימלעך זײַנען געלאָפֿען די שאָטענס פֿון נײַגיר. דער פֿעטער איז עפּעס איצט גאָר אַן אַנדערער געוואָרען. נישטאָ די הכנעה פֿאַר׳ן טאַטען, דעם דאָקטאָר. עפּעס אַ זיכערקײַט, אַ בעזעסענקײַט פֿיהלט זיך אין יעדער בעוועגונג זײַנער, ער פֿיהרט דעם סדר מיט אַ רוהיגקײַט און אַ שטאָלץ פֿון אַן אַלטען גענעראַל.

און דערבײַ איז נישט געווען נאָר דער פֿעטער אַליין, בײַם טיש האָט זיך אויך אײַנגעפֿונען אַ יודישער סאָלדאַט מיט אַ שווערד בײַם זײַט און אַ פּאַסעק אויף די שליפֿעס. מישע און נינע האָבען געטרונקען פֿון אַלע פֿיר כוסות, געזאָגט די הגדה, געשטיפֿט, געלאַכט, און בײַם חד־גדיאָ האָבען זיי שוין פֿערלאָרען דעם גאַנצען סטאַטיק.

פֿאַר ד״ר פֿײַטעלגרין, בטבֿע אַן אומעטיגער, שווײַגענדיגער מענש, איז דער פּסח געוואָרען איינע פֿון די ביטערסטע טעג אין יאָהר. ער האָט געקוקט אויף די קינדער, און אַן אומעט פֿלעגט צוזאַמענקוועטשען זײַן האַרץ: שוין זשע האָט ער פֿאַר זײַנע קינדער קיין זאַך ניט, מיט וואָס זיי צוצובינדען צו זייער קינפֿטיגען שווערען יודישען מזל? וואָס קאָנען שוין העלפֿען די שוואַכֿע ערינערונגען אָן אַ יודישען סדר אין קאַמף פֿאַר אַ יודישען לעבען? ער דערמאָנט זיך אָן די גרויסע שמד־בעוועגונג, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער צײַט פֿערשפּרייט צווישען דער יודישער יוגענד. מען זוכֿט אַלערליי רעליגיעס, נאָר ווי בײַצוקומען די פּראָצענטען אין אוניווערסיטעט, מען איז גרייט אָנצוטאָן דעם טורבאַן פֿון אַ מחמד׳אַנער, אָנצונעמען וועלכֿע אמונה עס איז, נאָר אַרויסצוגעהן פֿון דעם פֿערשאָלטענעם עיגול, אין וועלכֿען עס געפֿינט זיך אַ יוד.

פֿון צײַט צו צײַט הערט ער לויבען דעם גײַסט פֿון דער יודישקײַט. ער ווייס, אַז ס׳זײַנען דאָ מענשען, וואָס רעדען פֿון אַ „יודענטום“, ווי וועגען אַ זאַך, וואָס מען קאָן אָנטאַפּען מיט די הענט. ער ווייס, אַז ס׳זײַנען דאָ בײַ יודען פּאַרטייען, וואָס מיי-

נען איטליכער פֿאַר זיך, אַז זיי האָבען פּותר געווען די יודישע פֿראַגע. אָבער צוגלייך פֿיהלט ער, אַז ער שטעהט ווײַט פֿון די אַלע פּתרונות, אַז ער פֿיהלט ניט די הייליגקײַט פֿון יודענטום, אַז אין דער גאַנצער יודישער קולטור=בעוועגונג האָט ער קײַן אָרט ניט. און דאָך בּויערט בײַ איהם אַן אינעווייניגסט געפֿיהל, וואָס זאָגט איהם: גרייט=צו דײַנע קינדער צו אַ שווערען יודישען מזל.

ווי זאָל ער זיי אָבער צוגרייטען דערצו? ער האָט אַליין ניט קײַן בעגײַסטערונג פֿאַר דער יודישער פֿאַרגאַנגענהײַט, טאָ ווי זאָל ער בעגײַסטערן פֿאַר איהר זײַנע קינדער? ער איז ניט צוזאַמענגעקניפּט מיט די פֿעדים פֿון אַ נאַציאָנאַלער יודישער צוקונפֿט, טאָ ווי זאָל ער מיט זיי צוגריפֿבינדען זײַן מישען און ניגען?

און דערבײַ פֿיהלט ער, אַז בײַ דער גאַנצער גראָהקײַט, אָרימקײַט פֿון זײַן נשמה, לעבּט פֿאָרט אין איהם עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן דאָס נאָר אָנרופֿען דער געוויסען פֿון זײַן היסטאָרישער פֿערגאַנגענהײַט.

וואָכעדיג, אָרעם און גראָה ציהט זיך זײַן לעבען, דאָס לעבען פֿון אַ דאָקטאָר אין אַ קליינער פּראָווינץ=שטאָט. נישטאָ קײַן שבּת, קײַן יום=טוב, נישטאָ קײַן טיפֿער צובונד צו זײַן אַמאָליגער יודישער יוגענד, נישטאָ קײַן בעגײַסטערונג פֿאַר אַ בּרייטערער בעסערער יודישער צוקונפֿט. און דערבײַ איז ער אַ קינד פֿון אַן אַלט פֿאָלק, וואָס טראָגט בּירושה אַ גאַנצען מישמאַש פֿון יודישנאַציאָנאַלע און קאָסמאָפּאָליטישע געפֿיהלען, און וואָס איז, בײַ דער גאַנצער גראָהקײַט זײַנער, פֿאָרט אַ צווײַג פֿון אַן אַלטען, גראָה=אַלטען בּוים, פֿאָרט אַ פֿלענצעל, וואָס טראָגט מיט זיך אַן אַלטען יחוס.

פֿון די אַלע געדאַנקען ציהט זיך צוזאַמען בײַ ד"ר פּײַטעלגרין דאָס האַרץ, און ער זוכט אין שטאַרקען ווײַן פֿון די כּוסות אַ צעשטרייטונג און אַ טרייסט.

.III

פֿון טרינקען ווערט בײַ ד"ר פּײַטעלגרין לײַכטער אויפֿ'ן האַרצען. ער דערמאָנט זיך דעם דובנער מגיד'ס אַ משל מיט אַן אַלטען מלך און אַ בת=מלכּה און מיהט זיך איבערצוגעבען דעם משל

אויף רוסיש מישען און נינען. ער פערגעסט אויף א ווייַלע, אז ער איז א דאקטאר אין א ליטווישער שטאט און פערפיהרט א שמועס מיט'ן אורח דעם סאלדאט.

און דא האט פאסירט אזוינס, וואס ער קאן נאך נישט פערשטעהן ביז הייַנטיגען טאג...

אנשטאט דעם דרך־ארץ, וואס ער האט ערווארט פון דעם יודישען סאלדאט — האט ער פלוצלונג דערזעהן פאר זיך א לאכענדיגען, אן איראנישען פנים. אויף די פראגעס, וואס ער האט געשטעלט דעם סאלדאט, האט ער כמעט ניט בעקומען קיין ענטפער. און ער האט זיך מיט אמאל דערפיהלט אזוי קליין און אבהענגיג, בעת דער סאלדאט האט מיט א ווייכען רחמנות־טאן א פרעג געטאן:

— „זאגט מיר, פאניע דאקטאר, פאר וואס זייַנט איהר אזוי אומעטיג, אזא אומעט פיהלען נאר מענשען, וואס האבען פערלארען דעם וועג אין לעבען".

ד"ר פייַטעלגרין איז שוין א יוד מיט א בייַכעל און שטילע בעזעסענע מאנירען, וואס נעמט זיך פון דער פראפעסיע. זייט ער איז ארויס פון אוניווערסיטעט האט זיך קיינער ניט דערוועגט איהם צו געבען אזא אנצוהערעניש. אדרבא, נאך זייַן רעצעפט האבען אלע געווארט אויף ניסים; קיינעם איז ניט אייַנגעפאלען צו קוקען אויף איהם, ווי אויף א מענשען, וואס נויטיגט זיך אין אן עצה אדער רחמנות. דער ליטווישער קליינער קרעמער האט געקוקט אויף איהם, ווי אויף א מושלם אויך דעמאלט, ווען ער האט איהם ניט גענוצט. און דעם סאלדאטס טאן און פראגע האט איהם באמת בעליידיגט. און דאך האט ער געפיהלט, אז עס זיצט דא מיט איהם בייַם טיש א פרעהליכער, לעבעדיגער מענש, אפשר א גליקליכער, כאטש ער ליגט אין די הענט פון איטליכען „דיאדקע".

דאס געשפרעך מיט'ן סאלדאט האט זיך אבגעבראכען. ד"ר פייַטעלגרין איז שוין געזעסען א גאנצען אווענט א שווייַגענדיגער, און אלץ עפטער אנגעגאסען דאס גלאז.

און נאכ'ן סדר, בשעת אלע זייַנען זיך שוין צוגאנגען אהיים — האט פייַטעלגרין זיך מיט דעם סאלדאט גיך אבגעזעגענט. ער האט מורא געהאט, אז דער חצוף וועט זיך בעהעפטען צו איהם

אויפ'ן גאַס.

און דער „חצות" האָט זיך טאַקע בעהעפּט. מישע און נינע ויַינען אַוועק פאַראויס מיט דער „מאַמאַ", און ד"ר פּײַטעלגרין איז געבליבען אַליין מיט'ן סאָלדאַט.

צי האָט דאָס געווירקט דער ווײַן, אָדער עפּעס אַן אַנדער צויבער-קראַפט, נאָר ד"ר פּײַטעלגרין האָט זיך פּלוצלונג געפיהלט, ווי צוגעשמידט צום סאָלדאַט. און ער איז איהם נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט, כאָטש ער איז שוין לאַנג פאַרבײַ זײַן וואוינונג.

אין זײַנע אויערן האָבען געקלונגען עפּעס מאָדנע ווערטער, און די ווערטער זײַנען אַרוים מיט אַ מאָדנער ווייכער און ליבער שטים.

— „איך האָב ליב די וואָכעדיגע מענשען. גראָה און פערשטויבט, ווי אַ שטיין אין מיטען שלאַך, שטעהען זיי אין סאַמע געדיכטען פון לעבען. זייער לעבען איז פיל טיפער און קליגער, ווי זיי שטעלען זיך פאָר", — האָט ווייך גערעדט דער יוד אין סאָלדאַטסקע קליידער.

„וואָס קאָן זײַן שטומער און דומפער, ווי דאָס לעבען פון אַ בוים און זעהט, הער דאָקטאָר, ווי שען און ברייט צעוואַקסט ער זיך אויף אַלע זײַטען? וואָס פאַר אַ טיפע חכמה עס ליגט אין איטליכען שאָרך פון זײַנע בלעטער?!

„איהר אָרעמע, וואָכענדיגע נשמות זײַט מקנא די „איבערגעשפיצטע מוחות", וואָס קלערען אוים אַלערליי „איזמען" און שלעפען מענשען אונטער דעם יאָך פון זייערע פּלענער. גלויבט מיר, אַז זיי זײַנען פיל איינזײַטיגער, ווי דער מענש פון אַלע טאָג.

„דער, וואָס קוקט אויפ'ן לעבען נישט פון דעם ריין ענגמענשליכען שטאַנדפונקט, לויט וועלכען דער מענש האַלט זיך פאַר די קרוין פון דער נאַטור — פיהלט אַ געוויסען עקעל צו די, וואָס לייקענען אָב דעם גראָהען וואָכענדיגען טאָג, צוליב דער צעפּלאַמטער שטימונג פון אַ געבאָרענעם פאַנאַטיקער.

„איך האָב פײַנט אַ וואַסער-פאַל, וואָס קלאַפּט אײביג אָב אַן איינציגע מעלאָדיע. איך האָב פײַנט אַלע אויסנאַמען אין דער נאַטור. אין דעם אויסברוך פון עטנא הערט זיך דער גערוך פון שוועבעל און פעך. איך האָב פײַנט דעם פײַער פון אַ גיהנום, ווי

די רוהיגע זאַטקייט פֿון אַגן־עדן. מיך אינטערעסירט נאָר דאָס אייביגע שפּיל פֿון דעם געוועהנליכֿען טאָג. און קיין יום־טובֿ אין לעבֿען איז נישט אַזוי רייך אין פֿאַרבֿען, — כּאָטש שטילע, עניות'דיגע פֿאַרבֿען — ווי דער טאָג פֿון אַגאַנץ וואָך.

„די לעצטע צייט איז אויפֿגעשטאַנען אַ יודענטום, וואָס זוכט טויזענטער אויסנאַמס־מיטלען, ווי צו ראַטעווען די יודישקייט פֿון פֿערניכֿטונג. און מען פֿערגעסט, אַז קיין זאַך האַלט נישט אויף אַזוי די יודישקייט, ווי די וואָכֿענדיגע טעג פֿון לעבֿען.

„דרעהט און קעהרט די יודענפֿראַגע אויף אַלע זייטען — סוף כּל סוף מוז יעדער מודה זיין, אַז יודען, אַלס אַלטע נאַציע, לעבֿען, ווי אַגעוויסע מענשליכֿע וואַריאַציע, לעבֿען אַן אייגענעם לעבֿען און קאָנען נישט אויסגעראָט ווערען. זייער לעבֿענס־אינסטינקט איז אַזאַ רעטעניש פֿאַר'ן מענשען, ווי דער לעבֿענס־אינסטינקט פֿון די בּלימעלעך אויפֿ'ן פֿעלד, פֿון די נאָדעל־בּוימער אין וואַלד. עס איז לעכֿערליך צו שטיצען דעם הימעל־קופּעל מיט בּאַלקענס, אַז ער זאָל נישט אַראָבֿפֿאַלען. ס'איז לעכֿערליך צו שטיצען דעם קיום היהדות מיט ענגע מענשליכֿע פּלענער, אַז ער זאָל נישט פֿערשוועכֿט ווערען.

„האָט בּושה פֿאַר די קלוגקייט פֿון געוועהנליכֿען טעגליכֿען לעבֿען, דאָס איז קליגער און טיפֿער, ווי מען שטעלט זיך פֿאָר.

— „איהר האָט מורא, — רעדט ווייטער דער האָקטאָר, — רעדט ווייטער דער יודישער סאָלדאַט — אַז אייער מישע און נינע, וועלען ניט זיין צוגעגרייט צו זייער קינפֿטיגען יודישען מזל? און מיט וואָס זייט איהר דאָס אַזוי צוגעגרייט צו אייערע יודישע צרות? גראָה און וואָכֿעדיג ציהט זיך אייער טאָג. נישט איהר ליבּט אייער פֿערגאַנגענהייט, נישט איהר לעבֿט מיט דער אמונה פֿון אונזערע עלטערע זיידעס, און איהר זייט שוין נישט מקבּל יעדע צרה בּאהבֿה, און פֿונדעסטוועגען לאָזט איהר נישט צו דעם געדאַנק, וועגען פֿערלאָזען אייער פֿאָלק. צי האָט דאָס דער „פּקד־פּקדתי” געמאַכֿט פֿון אייך אַזאַ איבּערגעגעבּענעם יודען?

קוקט זיך צו צו זיך, און איהר וועט בּעגרייפֿען, אַז אייער צובּונד צו אייער פֿאָלק איז פֿיל טיפֿער, וויפֿיל אייער דאָקטאָרישער שׂכל קאָן דאָס בּענעמען.

„אין די לעצטע צײַט האָט זיך בעזעצט אַ שרעקליכע מרה־שחורה אין די הערצער פון אַ טייל יודישע נאַציאָנאַליסטען. זיי זוכען מיטלען, ווי צו דערהאַלטען דעם „קיום האומה". זיי קאָנען נישט וואַרטען אַרגע, און זײַנען גרייט אויף אַלע ווילדע פּלענער, ווען עס גיט נאָר אַ האָפענונג, אַן ענגע מענשליכע האָפענונג. און די מרה־שחורה צוגיסט זיך אויך אין האַרצען פון געוועהנליכען בשר־ודם. מען נעמט צו פון איהם די לעצטע און איינציגע קראַפט זײַנע: דעם נאַטירליכען וואָכענדיגען אָפּטימיזם.

„נאָך מײַן מיינונג אָבער, וועט קײַן זאַך נישט אַזוי פערגיפטען דאָס פאָלק, ווי דער אייביגער פחד פאַר אַ גיכען אונטערגאַנג.

צום גליק אָבער, איז דער טאָג מיט זײַנע געוועהנליכע וואָכענדיגע אינסטינקטען נישט מסוגל זיך אונטערצוגעבען אַ פּעסימיסטישער שטימונג.

„און איהר וועט זעהן, הער דאָקטאָר, — אַלע אײַערע אומעטען וועגען דער יודישער צוקונפט פון אײַערע קינדער וועלען פערגעהן, ווי שוים, ווען איהר וועט זיך דערמאָנען זיך אַליין און אײַערע אייגענע שוואַכע בעוואוסטזיניגקײַט, וואָס איז נוגע צו דער יודישקײַט.

„מיר זײַנען, ווי די בלימעלעך אויפ'ן פעלד, אַ מענשליכע וואַריאַציע פאַר זיך, און אונזער פיהרער איז דאָס גרויסע געטליכע רעטעניש, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען ביז איצט אַ סך קליגער, ווי אַלע דאָקטוירים, פילאָזאָפען און רבנים צוזאַמען"...

ד"ר פײַטעלגרין האָט זיך געפיהלט וואונדערליך. שוין לאַנג האָט ער נישט געהערט אַזוינע ווערטער. און כאָטש נישט אַלץ האָט ער פערשטאַנען, און נישט מיט אַלץ איז ער געווען איינשטימיג, האָט ער געפיהלט, אַז עמיצער רעדט צו די טיפענישען פון זײַן געמיט. און וואונדערליך איז איהם געווען, וואָס דער סאָלדאַט האָט, נישט פרעגענדיג, כמעט געענטפערט אויף אַלע זײַנע אומעטיגע געדאַנקען. און דער סאָלדאַט האָט איהם זיך פלוצלונג אויסגעדוכט, ווי אַ פערמאַסקירטער. אין קאָפּ איז גע־

שטאַנען אַ שווערער וואָלקען פֿון די אויסגעטרונקענע ווײַנען, און פֿונדעסטוועגען איז איהם עפּעס געוואָרען אַזוי לײַכט צו מוט.

— „ווער זײַט איהר?“ — האָט ד״ר פֿײַטעלגרין דאַנקבאַר און פֿערוואונדערט אויסגערופֿען, ווען ער איז שוין מיד געוואָרען שפּרײַזען דורך די שטילע גאַסען, און האָט זיך אָבגעשטעלט בײַ זײַן וואוינונג — „מיט וועמען האָב איך געהאַט די עהרע?“

און דער סאָלדאַט האָט געענטפֿערט מיט אַ ווייך געלעכטערעל:

„הײַנט איז אַ ליל שמורים, טיר און טויער זײַנען אָפֿען, און ווען מען זאָגט „שפֿוך חמתך“, גיסט מען אָן אַ כוס פֿאַר אליהו הנביא... זײַט מיר געזונט, הער דאָקטאָר. אפשר בין איך גאָר אליהו הנביא?!“ און דער סאָלדאַט האָט זיך גיך אָבגעזעגנט.

צום צווייטען סדר איז שוין דער סאָלדאַט נישט געקומען. די סיבה דערפֿון איז מען נישט דערגאַנגען.

# בײַם טײַך.

אַלע דרײַ האָבן זיי געשטודירט אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטן. אַלע דרײַ פֿלעגן זיי קומען נאָר איינמאָל אַ יאָהר אַהיים, פּסח־צײַט, ווען דער פֿריהלינג פֿלעגט זיך צעשפּילען אין אַלע זײַנע וואונדערליכע צאַרטינקע פֿאַרבען.

זייערע עלטערן האָבן געוואוינט אין דער שענער ליטווישער שטאָט ק., וואָס האָט זיך צעלעגט אין אַ טאָל צווישען צוויי טײַכען און איז געווען אַרומגערינגעלט מיט גרינע וואַלדיגע בערגעלעך.

צוזאַמענגעפֿיהרט האָט זיי דער טײַך ניעמאַן, וואָס האָט ווי אָבגעגרענעצט די שטאָט און נישט דערלאָזט, אַז צו זײַנע ברעגעס זאָל דערגרייכען דער הו־האַ פֿון שטאָטיגען קרעמער און דאָס געקלאַפּערײַ פֿון פֿערדישע פּאָדקאָוועס אויף די שלעכט געברוקירטע גאַסען.

פֿאַר'ן סטודענט איז דאָס געוועהנליך בעל־הבתיש לעבען אַן אָבשטויסענדיגע זאַך. ער האָט פֿײַנט די פּראָזע פֿון די טאַטעס און מאַמעס, וואָס לעבען אין אַזעלכע נישטיגע דאגות און וואָס ווערען צערייצט און דערפֿרעהט פֿון איטליכער נאַרישקײַט, פֿון איטליכער קלייניגקײַט, וואָס אַ יונגער סטודענט איז מבטל מיט'ן ערשטען בליק.

און זיי פֿלעגן אַנטלויפֿען פֿון דער שטאָט און פֿון דער היים צו די ברעגעס פֿון טײַך, וואו אַלץ איז אַזוי פֿריש, ריין, רוהיג, שטיל און וואו דאָס וואַסער האָט זיך צעגאָסען איבער די גרענעצען זײַנע מיט אַזאַ ברייטער גאוה.

פֿאַרמיטאָגען און אין די פֿאַר־פּסח'דיגע פֿריהלינגס־פֿאַרנאַכטען פֿלעגן זיך שטענדיג בעווײַזען בײַם ברעג דרײַ יונגע סטו-

דענטישע פּנים׳ער, וואָס פֿלעגן שעה׳ן לאַנג אָפּשטעהן בײַם טײַך און קוקן אויף זײַנע לויפֿענדיגע וואַסערן און שפּינען זייערע געדאַנקען און פֿיהרען ויכּוחים, וואָס זײַנען אַזוי ווײַט געווען פֿון דער שטאָטיגער פּשטות.

איינער איז געווען אַ פֿערביסענער סאָציאַל־דעמאָקראַט, דער אַנדערער אַ ציוניסט, און דער דריטער אַ פּוילישער פּאַטריאָט (זײַן טאַטע האָט געשטאַמט פֿון פּוילען, אין שטוב האָט מען גערעדט פּויליש, און אין די אויסלענדישע סטודענטן־קרײַזען האָט ער אָנגעהערט צו דער פּוילישער קאָלאָניע).

ווען דערוואַקסענע מענשען טרעפֿן זיך צוזאַמען, גלוסט זיך זיי צו וויסן, צו וואָס פֿאַר אַ סבֿיבֿה דער נײַער באַקאַנטער געהערט אָן, טאַפּן זיי זיך אַנאַנד אין די קעשענעס און פּרובֿן טרעפֿן די מעלות און חסרונות פֿון כאַראַקטער איינער בײַם אַנדערן.

ווען יונגע סטודענטן טרעפֿן זיך צוזאַמען, אינטערעסירט זיי הויפּטזעכלעך די פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע געזינונגען איינער בײַם אַנדערן.

אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס וואָלטן די דרײַ געזינגען קיינמאָל נישט אַזוי לאַנג פֿערבראַכט אין איינעם. איטלעכע פֿערטיידיגט זיך איהר קרײַזעל, האָט זיך אַפֿילו איהר קאַפֿע, וואו זי בלײַבט שולדיג דעם קעלנער פֿאַר אַן איבעריג גלאָז קאַווע.

אין דער ליטווישער פּראָווינץ־שטאָט אָבער, וואו די דרײַ סטודענטן זײַנען כּמעט „די איינציגע מענשען פֿון אייראָפּע אין טיף אַזיען" — האָבען זיי געמוזט זײַן שעה׳ן לאַנג צוזאַמען אינאיינעם.

אַזוי ווי אַלע דרײַ זײַנען געווען יודישע סטודענטן, פֿלעגט מען פֿערברענגען בײַם טײַך די פֿאַרמיטאָגען, ווי די פֿאַרנאַכטן אין הייסע טיפֿע ויכּוחים.

און וואָס עפּטער זיי פֿלעגן זיך טרעפֿן, אַלץ ווייניגער פֿלעגן זיי געניסען די שענקײַט פֿון טײַך פֿריהלינגס־צײַט, און אַלץ מעהר פֿלעגט זיך צעברענען דער אַגיטאַטאָר אין זיי.

דער סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט אַ פֿערביסענער בעוויזען, אַז דער טײַך איז ניט קיין פֿרײַער, אַז די בלוטזויגער, די בורזשואַזיע האָט איהם גענומען אין געפֿאַנגעשאַפֿט, אַז אַלע די מענשען, 

וואס דרעהען זיך ארום טייך, זיינען עקספּלואטירטע ארבייטער, אדער עקספּלואטאטארס, אז אן עהרליך־דענקענדיגער און פיהלענדיגער מענש קאן ביי היינטיגע צייטען נישט געניסען גאר די שענקייט פון טייך, ווייל דאס שווימט נישט קיין פראסט שטאלגראהעס וואסער, נאר ס'טראגט מיט'ן שטראם שוויס און בלוט, מארך פון די ביינער און די קרבנות פון קאפּיטאליזם.

— נישט דעריבער, קאלעגע, — האט ער איינמאל געזאגט, — געה איך צום טייך, ווייל איך וויל זיך איינוויקלען אין די וואלקענס פון פּאעזיע און שענקייט, נאר ווייל איך קען נישט אויסשטעהן די שטאט מיט איהרע קרעמער, ווייל עס ציהט מיך צו די צוקונפטס־מענשען פון דער בענייטער קולטור, צו די ארבייטער, צו די עקספּלואטירטע, וואס טרייבען איצט, ווי שקלאפען, די פליטען קיין מעמעל און דאנציג אום פול צו מאכען די שרענק פון די אנגעפרעסענע קאפּיטאליסטען. דער טייך איז פאר מיר א סימבאל פון געפאנגענשאפט און א סימבאל פון דער צוקונפטיגער בעפרייאונג.

דער פּוילישער סטודענט, ווידער, האט אומעטיג ערקלערט, אז ער איז נישט מסכּים מיט זיין סאציאליסטישען קאלעגע. אויך ער געהט נישט צום טייך, ווייל עס ציהט איהם די שענקייט אהער, אויך ער האלט דעם טייך פאר א געפאנגענעם, ווייל ער שטעהט אויפ'ן שטאנדפּונקט, אז דער ניעמאן, ווי די ווייכסעל זיינען פּוילישע טייכען. און נאר די פּוילישע פרייהייט קען איהם אויסלייזען. אבער ער גלויבט נישט, אז דער ארבייטער וועט אמאל קענען איהם אויסלייזען. כּל זמן א נאציע געפינט זיך פּאליטיש נישט פריי, קאן איהר נאר העלפען די נאציאנאלע פּאטריאטישע אידעע, נישט דער סאציאליזם. מיר טארען איצט נישט רעדען וועגען רייכע און ארעמע, מיר טארען זיך איצט נישט טיילען אין קלאסען.

— פאר מיר איז דער טייך דער געפאנגענער פּרינץ, ארום וועלכען מיר מוזען זיך אלע פעראייניגען, אום איהם ענדליך אויסצולייזען פון דער געפאנגענשאפט — האט געענדיגט אמאל דער פּוילישער סטודענט נאך א לאנגען ויכּוח.

 דער ציוניסט ווידער האט געשמייכעלט אין די יונגע וואנ־

טען אין האָט רוהיג, געלאַסען, אָבער פעסט ערקלערט, אַז דער טײַך איז נישט קײַן געפֿאַנגענער, נאָר אַ פֿרעמדער.

— דאָס איז נישט מײַן טײַך, דאָס איז אויך נישט אײַער טײַך, — האָט ער אַגיטירט, — אונזערע טײַכען זײַנען דער גרויסער ירדן און די, וואָס פֿאַלען אַרײַן אין איהם, האָט ער גערעדט מיט התלהבות, — אין מײַנע אָדערן רינט דאָס בלוט פֿון מײַנע עלטער=זיידעס, וואָס האָבען געשניטען מיט די שיפֿלעך די וואַסערן פֿון אַ ירדן, אָבער איך פֿיהל קײַן שום צובונד נישט צו דעם טײַך, וואו עס זײַנען נאָר געפֿלאָסען די טרערען פֿון מײַנע זיידעס און עלטער=זיידעס. דער דאָזיגער טײַך דערמאָנט מיר די צײַט, ווען די פוילישע שליאַכטע האָט געמאַכט פֿון מײַן פֿאָלק, וואָס איז געקומען מיט'ן שפּאַנישען שטאָלץ פֿון אַן אַברבנאל, — אַ מה=יפית=פֿאָלק. איך האָב פֿײַנט דעם טײַך. און ווען איך פֿערקוק זיך אויף איהם, חלום איך פֿון מײַן אייגענעם. איך לאָז בלאָנדזשען מײַן בליק איבער די בערג אַרום און איך שטעל זיך מיר פֿאָר דעם כרמל און דעם הר הזיתים. איך טו דאָס אייגענע, וואָס אַמאָל אברהם מאַפּו. איך זיץ אויף אַ באַרג בײַם ניעמאַן, און זעה פֿאַר מיר דעם ירדן אַ בעליבטען פֿון די פֿרעהליכע פֿרויען=געשטאַלטען און מיידלעך=געזיכטער פֿון מײַן בעפֿרײַט פֿאָלק.

———

אָט אַזוי פֿלעגען די דרײַ פֿערברענגען זייערע פֿאַרמיטאָגען און פֿאַרנאַכטען אין הייסע ויכוחים, פֿלעגען שטענדיג בענוצען דעם טײַך צו זייער אַגיטאַציע, און פֿלעגען קוים געניסען די שענקײַט פֿון טײַך גופא.

נאָהענט בײַם טײַך איז געשטאַנען אַן אײַנגעהויקערט הירצערן הײַזעל, וואו עס האָט געוואוינט אַן אָרעמער ליטווישער שוסטער מיט אַ 10 יאָהריגען יונגעל, וואָס האָט אין די ערשטע יאָהרען פֿון זײַן קינדהײַט אָנגעוואָרען דעם כח אויף זײַנע פֿיסלעך. מיט געלעהמטע פֿיסלעך פֿלעגט זיך דאָס קינד בעוועגען פֿאָרווערטס אין אַ זיצענדיגער פּאָזע, אָנשפּאַרענדיג די הענטלעך אָן דער ערד און שטויסענדיג פֿאָראויס זײַן קליינעם קערפּערל. דעם גאַנצען ווינטער פֿלעגט ער ערגעץ וואו ליגען בעהאַלטען הינטערן אויווען. ווי נאָר עס פֿלעגט זיך בעווײַזען דער ערשטער וואַרעמער

פֿריהלינגס־טאָג פֿלעגט ער אַרויסקריכן אויף דער זון, ווי אַ ווערעמעל פֿון דער ערד.

אַלע טאָג, ווען די סטודענטען פֿלעגן קומען צום טײַך, פֿלעגן זיי אים שוין געפֿינען זיצנדיק דאָרטן, אָדער שטייענדיק זײַן שוואַכן קערפּערל באַרג אַראָפּ צום ברעג צו.

שעה'ן לאַנג פֿלעגט ער אָפּזיצן אין זײַן קאָמישער זיצנדיקער פּאָזע מיט די מיאוס־אויסגעקרימטע מאָגערע פֿיסלעך און קוקן און קוקן. קיינער האָט נישט געאַכט אויף אים, און דאָס שטיק ברויט, מיט וואָס ער פֿלעגט זיך וואַרעמען אויף דער זון, ווי אַ פֿויגעל מיט אויסגענעצטע פֿעדערן, און פֿלעגט זויגן די פֿריהלינגס לופֿט, ווי אַ מענש, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט. אויף זײַן קראַנק פּנים'ל איז געווען אויסגעגאָסן אַזאַ גליקליכער צופֿרידענער שמייכעל, ווי מען זעהט דאָס נאָר בײַ מענשען, וואָס ווערן געגעזען נאָך אַ לאַנגער קראַנקהײַט.

פֿאַר'ן סאָציאַל־דעמאָקראַט איז אָבער דאָס יונגעל געווען דער לעבעדיגער קרבן פֿון קאַפּיטאַליזם, פֿאַר'ן פֿאָלאַק — די פּוילישע געלעהמטקײַט, וואָס קען נאָר שטויסען די פּוילישע קולטור זיצענדיג, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט צו דער ערד, און פֿאַר'ן ציוניסט איז דאָס גלאַט געווען אַ פֿערזעהעניש פֿון אַ פֿאָלק, וואָס שטעהט אַזוי נידעריג אין דער קולטור.

און איינמאָל האָבען זיי אַלע דרײַ זיך דערנעהנטערט צום קאַליקע און אים אָנגעהויבען אויספֿרעגען. דער סאָציאַליסט פֿרעגט אים מיט רחמנות:

— צי קענסטו שרײַבען און לייענען, יונגעלע?

— ניין, — ענטפֿערט דאָס קינד, — איך קען אָבער פֿאָהרען אויף אַ שיפֿעל, און זיצען אויף אַ פֿערד, — זאָגט דאָס קינד שטאָלץ.

— צי האָסטו ליעב דעם טײַך? פֿרעגט אים דער צווייטער.

דער קאַליקע פֿערשטעהט נישט, וואָס מען וויל פֿון אים, און ווערט אַ ביסעל אויפֿגערעגט.

— צי איז דיר דאָ גוט בײַם טײַך. צי האָסטו הנאה צו זיצען דאָ? מישט זיך אַרײַן דער ציוניסט.

 דאָס יונגעל קוקט אויף אים מיט אַזאַ שמייכעל, ווי מען

וואָלט איהם געפרעגט, צי איז געשמאַק צו עסען ברויט מיט פוטער, און ער הויבט זיך אָן מיט די הענט אָבצורוקען פון די דריי לאַנגוויילינגע סטודענטען, וואָס שטערען איהם זיין פערגע־ניגען, וואָס לאָזען איהם נישט קוקען שטיל אויפ'ן טייך און די ברעגעס, וועלכע הויבען שוין אָן זיך צו בעציהען מיט גרינס.

און דער ציוניסט, וואָס האָט געקענט אַמאָל זאָגען אַ גוט וואָרט, האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן זיינע קאָלעגען: — ווי מיינט איהר, ווער האָט מעהר הנאה פון עקספּלואַטירטען, געפאַנגענעם און פרעמדען טייך, ער, אָט דער קאַליקע, אָדער מיר, יודישע סטודענטען, וואָס פיהרען אַזעלכע הייסע ויכוחים וועגען טייך, און זעהען קיינמאָל נישט אָהן די פאַרבען פון פאַרטייאישע געזינונגען?

און ווידער האָט זיך צעברענט ביי די סטודענטען אַ לאַנ־גער הייסער ויכוח.

# דער משוגע'נער רויטשילד.

דאָס האָט געפּאַסירט אין פּאַריז. זיי זײַנען געזעסען זאַלבע־דריט אין אַ קליינעם קאַפע אויפ'ן מאָנמאַרטר, און האָבען געצויגען דורך שטרוי'עלעך אַ קיהלען לימאָנאַד־געטראַנק.

איינער אַן אָקאָרשט געענדיגטער יוריסט, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך די שענע אויסזיכט צוגעלאָזען צו ווערען אין רוסלאַנד צום עקזאַמען און נ י ש ט צוגעלאָזען צו ווערען צו דער אַדוואָקאַטור.

דער צווייטער — אַ יונגער דאָקטאָר, אָרעם און פאַר'חוב'עט אין מיט אַ קנאַפּער האָפענונג, וואו עס איז צו בעקומען אַ בעצאָהלטע שטעלע.

און דער דריטער איז געווען אַ יודישער קינסטלער, וואָס האָט זיך געהאַט „זײַן אייגענעם וועג" אין דער קונסט (ווי אַלע קינסטלער פון די 30 טויזענט, וואָס בעפעלקערן פּאַריז), און אָפט פלעגט איהם אויספעהלען דאָס קליינגעלט אויף די נויטיגע פאַרבען.

זײַנען זיי אָבער אַלע דרײַ געווען יונג, יונג אין יאָהרען און יונג אין שכל.

האָבען זיי זיך נישט שטאַרק אָבגעגעסען דאָס האַרץ, און פלעגען אָפט מיט פערוואָרפענע קעפּ און פער'חלומ'טע בליקען שפּרײַזען דורך די פּאַריזער רײַכע און אָרעמע גאַסען.

אין די אָרעמע גאַסען האָבען זיי געהאַט זייער רעאַלע דירה, אין די רײַכע — פלעגען נאָר אַרומשוועבען די שענע גליקליכע חלומות און בענקענישען, וואָס מאַכען פול אַ יונגען קאָפּ און אַ יונג האַרץ.

יעדע שענע פּאַריזערין, וואָס פלעגט לײַכט און שלאַנק זיך פאַרבײַטראָגען פאַר די בליקען, — איז געווען אין די יוגענד־חלומות — זייערע.

אַלע די שענע רייכע פֿליטערלעך, וואָס פֿלעגן אַרויסשײַנען פֿון די גרויסע מאַגאַזינען — זײַנען אין זייער בליק געווען דאָס, מיט וואָס זיי וועלן בעפּוצען זייער געליעבטע פֿרוי, זייער גליקליך היים.

און ווען זיי פֿלעגן שפּאַצירען אין די רייכע קונסט־גאַלערעען, פֿלעגט זיך זיי דאַכטען, אַז דעם טיפֿען אײַנדרוק וועלען זיי איך אייביג אַוועקטראָגען מיט זיך אַהיים, אַז זיי וועלען דאָס קיינמאָל ניט פֿערגעסען, אַז די גאַנצע גאַלערעע איז אַרײַן בײַ זיי אין האַרצען און וועט בלײַבען אייביג זייער אינעווייניגסטע גײַסטיגע בעפּוצונג.

בקיצור, זיי זײַנען געווען יונג.

אָבער טייל מאָל פֿלעגן קומען טעג, ווען נויט און מאַנגעל פֿלעגן צערײַסען זייער האַרץ אין שטיקער.

אַ הונגעריגער חלומ׳ט נישט פֿון ברויט, נאָר פֿון די פֿײַנסטע מאכלים, אַ בענקענדיגע מאַטעריעל־אָרעמע יוגענד חלומ׳ט ניט וועגען אַ פּשוט בעקוועמע חיונה, נאָר פֿון מיליאָנען...

גראָד אין אַזאַ טאָג זײַנען זיי געזעסען זאַלבעדריט אין אַ קליינעם קאַפֿע אויפֿ׳ן מאָנמאַרטר. —

זײַנען זיי געזעסען און פֿיל געצויגען דעם זאַפֿט פֿון די שטרויעלעך (צאָהלען האָט מען נישט געדאַרפֿט, זיי האָבען געהאַט קרעדיט בײַם בעל־הבית).

האָט זיך איטליכער געמאַכט אַ מינע, אַז די בייזע צײַט האָט פֿאַר איהם קײן ממשות נישט, אַז ער לאַכט פֿון די שלעק, וואָס עס שיקט אָן איף איהם עפּעס אַ שלימזול אין הימעל, אַז ער בויט אויף זײַן יוגענד און זײַן קראַפֿט, — און פֿלעגט מיט אַ פֿערטראַכטען אויסדרוק אָנשטעלען זײַנע פֿער׳חלומ׳טע אויגען אויף ערגעץ אַ פּינטעל פֿון דער פֿערשטויבטער וואַנט.

קיינער האָט זיך נישט געקלאָגט. אַדרבה, איטליכער האָט זיך בעריהמט דערמיט, ווי וועניג ער דאַרף, אים זיך צו פֿיהלען גוט.

איינער האָט זיך בעריהמט, אַז איהם איז קײן הילוק נישט, צי דאָס בעט איז וויך אָדער האַרט, ווי אַ ברעט: ער שלאָפֿט שטענדיג ווי אַ דער׳הרג׳עטער.

דער צווייטער האָט מיט גאוה גערעדט מכּח זײַן געזונטען מאָגען. פֿערדישע פֿלייש, קעצישע פֿלייש — אַלץ איינס. אַפֿילו ציגעל וועט זײַן מאָגען פֿערדײַען.

דער דריטער, וואָס פֿלעגט זיך דערהאַלטען פֿון שטונדען־געבען, האָט מיט שטאָלץ דערצעהלט, אַז ער ניצט קיין מאָל נישט קײַן טראַמוויַ, קײַן אָמניבוס. וואָלטען נאָר זײַנע שטיוועל געקענט אַזוי פֿיל פֿערטראָגען, ווי עס ווערען זײַנע פֿיס נישט פֿערמאַטערט.

כּאָטש איטליכען האָט שטאַרק געפּיקט אין האַרצען, נאָר אין זייער מוט האָט אַרומגעטאַנצט די גאוה פֿון דער יוגענד, וואָס קוקט אויף זיך, ווי אויף דעם אָ נ ה ו י ב פֿון דער וועלט.

אין קליינעם קאַפֿע איז שפּעטער אַ ווײַלע צוגעקומען צו דער קאָמפּאַניע נאָך איינער אַן אַלטער סטודענט פֿון אַ יאָהר 40, מיט אַן אָבגעבלאַקירטער פּעלערינע, אָבגעבלאַקירט ווי זײַנע בלאָהע אויגען, און ווי די אַמאָליגע פֿרישע פֿאַרב פֿון זײַנע באַקען — און האָט זיך צוגעזעצט צום טישעל.

ער האָט אָהן ווערטער, מיט אַ וואונק עפּעס בעשטעלט, און האָט זיך מיט אַ מידען בליק גענומען צוהאָרכען צו די בעריהמערײַען פֿון די יונגע סטודענטען.

נאָר פּלוצלונג האָט ער איבערגעהאַקט די קאָלעגען זײַנע און האָט געפֿרעגט:

— קינדער, איהר האָט געהערט די מעשה פֿון „משוגענעם“ רויטשילד?

— אַלע רויטשילדס זײַנען משוגעים, — האָט זיך געוויצעלט דער מאַלער. — נאָך ביז הײַנטיגען טאָג האָבען זיי מיר נישט אָבגעקויפֿט קײַן איין בילד.

— ווען איך וואָלט געהאַט רויטשילדס אייגענס, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס צו טון, — האָט זיך פֿערקלערט דער יוריסט.

— אפֿשר דאַרף דער משוגענער רויטשילד אַ לייב־דאָקטאָר?

— האָט געחוזק'ט דער יונגער מעדיצינער.

נאָר דער אַלטער סטודענט האָט ווידער איבערגעהאַקט דעם שטרוים פֿון זײַנע יונגע חבֿרים'ס וויצען.

— מען דערצעהלט אייך אַן אמת'ע מעשה און איהר מאַכט פּוילע וויצען, — האָט ער זיך ווי כלומר'שט געבייזערט. — פאַרמאַכט אייער לויזען מויל און הערט!

און דער אַלטער אָפּגעבלאַקירטער סטודענט האָט אָנגעהויבען:

— ערשט היינט דערגאַנגען. אַ מאָדנע מעשה!

צווישען די יונגערע רויטשילדס איז דאָ איינער, וואָס זאַמעלט — פליי. שיקט ער ספּעציעלע עקספּעדיציעס אין די הייסע לענדער צו געפינען זעלטענע מינים פון פליי. ס'איז דאָ איינער, וואָס זאַמעלט נאָר דאַמען-זייגערלעך פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט.

נאָר זיי אַלע זיינען פאַר אייך נישט אינטערעסאַנט. עס איז אָבער דאָ איינער, וואָס איז אין אַלגעמיינעם אַ קלאָרער בעזעסענער מענש, נאָר ער האָט אַ מאָדנע משוגעת, וואָס דויערט אינגאַנצען עטליכע מינוט, און דאָס — נאָר פריהמאָרגענס.

איטליכען פריהמאָרגען, ווי ער שטעהט נאָר אויף, נעמט ער אַרויס זיין טשעק-ביכעלע, שרייבט אַ קוויט אויף אַ מיליאָן פראַנק, חתמ'עט אונטער מיט זיין נאָמען, רייסט דאָס אָב פון ביכעלע, צעקנייטשט דאָס און מאַכט דערפון אַ מין רונדען פּאַפּיר-קניידעל, און לאָזט זיך אַרויס צופוס איבער די פּאַריזער גאַסען, איטליכען טאָג אין אַן אַנדער גאַס. מיט אַמאָל נעמט ער אַרויס פון קעשענע דאָס צוקנייטשטע פּאַפּירעל און וואַרפט דאָס אַוועק...

— און צי האָט שוין עמיצער אַמאָל געפונען דעם דאָזיגען טשעק?! האָבען די דריי אַלע אין איינעם אַ פרעג געטאָן.

— שוין צעהן יאָהר, — האָט דער אַלטער סטודענט רוהיג געענטפערט — ווי דער משוגענער רויטשילד וואַרפט אַרויס אַלע טאָג אַ טשעק אויף אַ מיליאָן פראַנק, און נאָך ביז היינטיגען טאָג האָט זיך נישט געפונען אַזאַ גליקליכער מענש, וואָס זאָל דאָס אויפהויבען.

די דריי זיינען מיט אַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען, אויך דער אַלטער סטודענט האָט מעהר נישט גערעדט.

שטיל און פערטראַכט האָט מען געצויגען דעם זאַפט פון 

די שטרויעלעך, און עפּעס האָט זיך געדולט, אַז איטליכער מײַדט אויס דעם חבֿרים בליקען.

און פּלוצלונג האָט זיך אויפֿגעהויבן דער יוריסט און האָט זיך אָהן ווערטער גיך געזעגענט מיט זײַנע חבֿרים, און זיך געלאָזט ערגעץ לויפֿען.

נאָך איהם האָט זיך אויך אויפֿגעהויבן דער יונגער דאָקטאָר. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער מוז נאָך הײַנט זײַן אויף אַ פֿערזאַמלונג.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך, מיט אַ געמאַכֿטער איראָניע אויפֿ'ן געזיכֿט, אויפֿגעהויבן דער מאַלער, לאַכֿענדיג ממזריש צום אַלטען סטודענט.

— מען דאַרף געהן זוכֿען, ברודער, דאָס פּאַפּירענע פֿון משוגע'נעם רויטשילד.

דער אַלטער סטודענט איז איבערגעבליבען אַליין בײַם טישעל פֿון קאַפֿע. אין זײַנע אָבגעבלאַקירטע אויגען האָט געשפּילט אַ פֿײַערל. זײַנע ליפּען האָבען זיך געקרימט אין אַן איראָנישען שמייכֿעל.

ער האָט שוין אין זײַן דמיון געזעהן ווי די „דרײַ" שלעפּען זיך מיט אַײנגעבויגענע קעפּ צו דער ערד און צו די רינשטאָקען און וואַרפֿען זיך אַלע ווײַלע מיט האַרצקלאַפּעניש אויף איטליך צעקנייטשט פּאַפּירעל.

ער האָט שוין אַזאַ שפּיצעל נישט אײנמאָל אָבגעטאָן, ווען עס איז איהם מיאוס געוואָרען די בעריהמערײַ פֿון אַ באַנאַלער יוגענד.

# די זילבערנע קאַרטקע.

ביז צו מײַן צוג איז איבערגעבליבן דרײַ שעה צײַט. אײגנטליך, גאָר נישט אַזוי פֿיל, ווען מען זיצט בײַ זיך אין דערהיים. אָבער די פּאָר שעה ווערן אַ בלײַערנע משא, ווען מען איז אין דער פֿרעמד, ווען די זאַכן ליגן שוין אויפֿ'ן וואָקזאַל, און די קעשענעס זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי פּעקלעך, וואָס האָבן קיין מקום מנוחה ניט געפֿונען אין דעם בײַליגן טשעמאָדאַן.

איך האָב גענומען בלאָנדזשען איבער דער גרויסער קאָכעדיגער גאַס פֿון דער פֿרעמדער שטאָט; און אַזוי ווי די שטאָט איז מיר געווען לחלוטין פֿרעמד — האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער גאַנצער ברען, קאָך, הו־הא האָט עפּעס קיין *ציל ניט פֿאַר זיך*, אַז מענשען לויפֿען, רעש'ן, שפּרינגען אַראָב און אַרויף אויף טראַמס, ווי אין עפּעס אַ ווילדער מהומה, אַז דאָ האַוועגען עפּעס אַרום פֿער'משפּט'ע נשמות אין קאַפּעלושען און רעק, ווערען געשלײַדערט פֿון איין עק צום אַנדערן, נישט ווײַל עס טרײַבט זיי אַן אינעווייניגסטער כח, נאָר אַ מורא'דיגע האַנט פֿון עפּעס אַ מלאך הדומה, וואָס שפּילט זיך מיט גופים פֿון זינדיגע מענשען, ווי די קינדער אין גאָרטען מיט אַ גומענער פּילקע. אָט פֿליהט די פּילקע צום הימעל, אָט פֿאַלט זי אַרײַן אין אַ קאַלוזשע און ווערט צעריסען מיט אַ הילכיגען קנאַק, ווײַל איהר גומענער מלבוש איז געפֿאַלען אויף דעם שאַרפֿען קאַנט פֿון אַ האַרטען גרויסען שטיין.

מײַן אויג פֿאַלט מיט אַמאָל אויף אַ ווײַס שילד, אויף וועלכען עס שטעהט אויסמאַלירט דער נאָמען פֿון מײַנעם אַן אַלטען בעקאַנטען, און איך ראַטעווע זיך פֿון מײַן געדריקטער שטימונג אין דעם טויער פֿון מײַן אַלטען בעקאַנטען.

מען דאַרף אַרויף צו איהם. שוין צעהן יאָהר, ווי מיר האָבען זיך נישט געזעהן. מיר האָבען זיך צעשיידט אין דער צייט, ווען דער יונגער דור האָט דורכגעלעבט זיין גרעסטע אָפּטימיסטישע צייט, ווען יעדער איז אַרומגעגאַנגען מיט זיין איינציגען רעצעפּט אויף צו ראַטעווען כלל־ישראל. אונזערע וועגען זיינען געווען פערשיידענע. אָבער איטליכער פון אונז האָט געשעצט דעם רייגעם אידעאַליזם פון צווייטען. מיר האָבען זיך ליב געהאַט. אין דעם גרעסטען ברען פון אונזער אַני־מאמינ׳ס־אַגיטאַציע פלעגען מיר שטענדיג וואַרפען אַן אויגעל אויף די פערשיידענע בימות, וואו איטליכער פון אונז איז געשטאַנען און געדרש׳ענט. די פיינע דינע פעדים פון סימפּאַטיע צווישען אונז זיינען אויך דאַן נישט צעריסען געוואָרען, ווען די פלאַמענדיגע דרשות האָבען זיך צעברענט אָהן שום רחמנות, ווי אַ שרפה.

שפּעטער זיינען מיר מיט אַמאָל אַלע פערשטומט געוואָרען, נאָך דער שרפה איז געבליבען נאָר אַ הייפעלע אַש. מיר האָבען זיך איינער די אַנדערע פערלאָרען. מיר זיינען געוואָרען בעלי־הבתים און זיינען מיט אַמאָל ווי עפּעס נעלם געוואָרען...

מען דאַרף אַרויף צו איהם.

מיין אַלטער בעקאַנטער איז אין דער היים נישט געווען, אויפגענומען האָט מיך זיין פרוי, וואָס האָט געמאַכט אַ מינע, אַז זי פרעהט זיך צו זעהן אַן אַלטען פריינד פון איהר מאַן, און האָט מיר געבעטען וואַרטען, ביז דער מאַן וועט קומען. אין בייסלעכווייז האָבען מיר אָנגעהויבען פּלוידערן, ווי נאָהענטע מענשען... זי איז אַ היינט־מאָדישע יודישע טאָכטער. איהר איינציגע שפּראַך איז רוסיש. טאַטע און מאַמע האָבען נאָך יודיש גערעדט. מיט די קינדער האָבען זיי שוין גערעדט רוסיש, פערבייטענדיג דעם „שין“ און דעם „סמך“, אָדער דייטש — מיט׳ן „פּתח“. איין שוועסטער איהרס איז קאַטוילליש; זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם בעריהמטען גרויסען פּוילישען ראַדיקאַל, וואָס האָט... א. אַז. וו. איהר ברודער איז אַ פּראַוואָסלאַוונער; ער האָט זיך פערליבט אין אַ רוסישער קורסיסטקע, אַ פּלימעניצע פון גענעראַל פּ., דעם גרויסען מוחס. זי אַליין מאַכט אויך קיין חילוק ניט צווישען אמונות. צופעליג איז איהר „מישא“ אַ יוד, נאָר דאָס אַרט איהר ניט. אַמאָל, אין די

סטודענטישע יאָהרען איז ער געווען אַ ס.-ס., געהאַלטען פֿון נאַ-ציאָנאַליזם, איצט אָבער איז ער שוין נישט קיין „שאָוויניסט“, אַ. אַז. וו. א. אַז. וו....

פֿון סאַלאָן זײַנען מיר אַרײַן אין מאַנס קאַבינעט, דערנאָך אין עס-צימער, דערנאָך אין קינדער-צימערל, וואו די אָנגעוואָרפֿענע שפּיל-צאַצקעס און דאָס ליידיגע בעטעל האָבען שוין מיר געוויזען, אַז עס דרעהט זיך שוין אַרום אויף דער וועלט אַ דרײַ-יעהריגער מאַנסביל אין אַ גערטעל ערגעץ-וואו.

מײַנע אויגען האָבען געזוכט עפּעס אַ סימן, עפּעס אַ זכר, וואָס זאָל מיר דערמאָנען אַ יודיש הויז, ווענינגסטענס, אַ זכר פֿון אַ מענשען, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען אויף אַ יודישער בימה. אומזיסטע אַרבײַט.

איך האָב זיך געפֿיהלט, ווי אין אַ גוטען האָטעל, וואו עס בײַטען זיך די געסט, אָבער קיינמאָל נישט די בילדער אויף די ווענט און דער שטיוועל-אויסציהער בײַם שלאָף-טיש.

צי פֿיהלט מען אין אַ האָטעל די אַטמאָספֿערע פֿון משפּחה'-דיגקײַט? צי פֿיהלט מען דאָרט דעם נישט-זיכטבאַריגען שאָטען פֿון אַן אייגענער אָדער אַ כּלל'ישער פֿערגאַנגענהײַט? צי איז בכלל דאָ אין האָטעלען, חוץ אויסערליכער ציוויליזאַציע, אַ שטיקעל אי-נערליכע קולטור?

און איך האָב שוין חרטה געהאַט, וואָס איך בין געגאַנגען אויפֿזוכען אַ מענשען, וואָס איז נעלם געוואָרען, וואָס האָט, ווי אַמאָל שאַמיסאָ'ס „פּעטער שלעמיל“, פֿערלאָרען דעם אייגענעם שאָטען...

מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן אויפֿ'ן שרײַב-טיש צווישען די צעהנדליגער שענע אָנגעשטעלטע זאַכען אַ זילבערנע קאַרעטקע, — די קאַרעטקע, וואָס טאַטע און מאַמע פֿון יודישע בעל-הבית'ישע הײַזער פֿלעגען אין די 80-ער יאָהרען זיך ברענגען אַנאַנד זומער-צײַט אַ מתּנה, ווען זיי פֿלעגען זיך צוריקקעהרען פֿון קאַרלסבאַד אָדער מאַריענבאַד.

די דאָזיגע זילבערנע קאַרעטקע, מיט אַ צוגעלייטער פּוש-קע פֿאַר שוועבעלעך און מיט אַ שאַרפֿען קאַנט — אַ ציגאַרען-שפּיץ אָבצושנײַדען, — און מיט אַ כּלי'לע, אַש אַרײַנצוואַרפֿען, —

די דאָזיגע זילבערנע קאַרעטע איז דעמאָלט געווען אַ סימן פֿון אַ פֿעסטער בעל־הבית׳ישקייט. נוצן מיט איהר פֿלעגט מען זיך נישט, אָבער יום־טוב, ווען מען מעג רייכערן, פֿלעגט מען מיט איהר פֿערפּוצען דעם טיש, וואָס איז געווען אַ גאַנצען טאָג אָנגעשטעלט מיט אַלערליי בעל־הבית׳ישען כּיבוד.

די קאַרעטע האָט מיט אַמאָל עפּעס דערוואַרימט דעם קאַלטען האָטעל פֿון מיין אַלטען בעקאַנטען. מיר האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעדוכט, אַז א י י ן ז כ ר, א י ״ ן וואָרצעל האָב איך פֿאָרט געפֿונען אין די קאַלטע צימערן.

פֿאַר מיינע אויגען האָט זיך שוין געמאָלט אַ בילד פֿון אַ יודישער בעל־הבית׳ישקייט, איך האָב שוין, דוכט זיך, געקוקט אין די פּנים׳ער די טאַטע־מאַמעס, וואָס האָבען בעשענקט דער וועלט מיט אַזעלכע גלייכגילטיגע שאָטען־אָרימע יודעלעך; איך האָב שוין געהערט זייער דייטש מיט׳ן „פּתח״, און ווי זיי ברעכען די צונג, רעדענדיג מיט די קינדער אויף רוסיש, און ווי עס צעגיסט זיך זייער לשון, ווען זיי קומען אַריין ביי זיך אין שלאָפֿצימער און הויבען־אָן צו רעדען מאַמע־לשון. איך האָב דערזעהן פֿאַר זיך דעם „פֿרייען״ יודען אין ענדע פֿון פֿאָריגען יאָרהונדערט, און די פּוסטקייט אַרום איז מיט אַמאָל עפּעס פֿולער געוואָרען.

פֿון דער זילבערנער קאַרעטקע, וואָס איז אַזוי תּמ׳עוואַטע געשטאַנען אויפֿ׳ן שרייב־טיש, האָט זיך דערהערט אַ שטילע, שטילע מעלאָדיע.

— ווי קומט צו אייך דער דאָזיגער אַש־בעכער? — פֿרעג איך האָב וויי׳בעלע פֿון מיין בעקאַנטען, וואָס האָט, חוץ אַלערליי גוטיגקייטען, נאָך אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם און פֿון אַ שווייצער אוניווערסיטעט, — מן הסתם, האָט דאָס דער מאַן אַריינגעבראַכט אין דער בעל־הבית׳ישקייט?

— ניין, — אַ ירושה־זאַך פֿון מיין פֿאָטער — האָט זי געענטפֿערט. און דערביי האָט זי, ווי אַ „געבילדעטע פֿרוי״, שטאָלץ אַ קוק געטאָן אויף מיר. זי האָט מן הסתם געטראַכט:

— איך ווייס, אַז דאָס איז נישט לויט דעם היינטיגען געשמאַק, אָבער עס איז מיינס אַ ירושה־זאַך, אַן אַנטיקע זאַך, און דאָס מעג שטעהן אין פֿיינסטען סאַלאָן.

 אונזערע היינטיגע „געבילדעטע״ שעצען הויך „אַנטיקע״ זאַכען.

# די פאַמיליע קוקורעווסקי.

איטליכס מאָל, ווען איך אַ באַזעלער ציוניסטישען קאָנגרעס פלעגט ווערען אַ טומעל, אַ געפילדער, אַ קריגערײ צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען און צווישען די פערשיעדענע פראַקציעס אויף די רוסישע פאָרקאָנפערענצען — דעמאָלט פלעג איך גיך פערלאָזען די קאַזינאָ־זאַלען און פלעג אַוועקגעהן מאַכען אַ בעזוך דער בעריהמטער באַזעלער טויב־שטומען־שולע.

דאָרט, בײ די טויב־שטומע, וואו דער רעדעוודיגער לעהרער רעדט אויך נאָר אויפ'ן וואונק און מיט די פינגער, דאָרט, אין דער טיפער שטילקייט פון אַ טויבען־אויער און אַ שטומער צונג פלעג איך זיך אויסרוהען און איינשטילען אַ ביסעל מײנע צערייצטע נערווען, וואָס האָבען געפלאַטערט און געציטערט ווי טעלעגראַפען־דראָט נאָך אַ דונער.

חוץ באַזעל האָב איך נאָך געלעבט אין פיל אַנדערע שטעט, וואו יודישע און ניט יודישע פאָליטיקער קלויבען זיך צונויף און צערייצען זייערע נערווען אין אַלערלײ ויכוחים און אינטריגעס. אָבער אין ערגעץ האָב איך נישט געוואוסט אַזוי גענוי דעם וועג צו אַ רוהיגער אינזעל פון אַ טויב־שטומען־שולע, וואו איך זאָל זיך קאָנען אַ ווײלע ראַטעווען פון דעם געפילדער אויף אונזער פאָליטישער גאַס.

און דעריבער איז מיר טאַקע באַזעל אַזוי איינגעבאַקען אין האַרצען. וויל איך דעם היץ, דעם ברען, דעם קאָך, דאָס געפילדער פון אַ יודישען לעבען — לויף איך אַרײן אין אַ זאַל פון קאַזינאָ; וויל איך די מנוחה, די שטילקייט פון אַ געשמאַקען שלאָף מיט וואַטע אין די אויערן, — מאַך איך אַ וויזיט די טויב־שטומע, וואָס זיינען פאַר מיר טאָפּעלט שטום, ווייל איך פערשטעה נישט די

שפּראַך פֿון די ליפּען־צייכען אין דעם טאַנץ פֿון געשיקטע טויב־שטומע פֿינגער. אין באַזעלער קאַזינאָ האָט שטענדיג פֿערהילכט מיינע אויערן אַ הונדערטיגער „שמע ישראלן", בײַ די טויבע און שטומע האָט זיך געטראָגען אין דער לופֿטען אַ תּפֿילה בלחש, אַ מין „ברוך שם כּבוד מלכותו לעולם ועד".

* * *

נישט אין איטליכער שטאָט, ווי געזאָגט, געפֿינט זיך אַזאַ מין געבענשטע שול, וואָס זאָל קאָנען מיך אויף אַ ווײַלע בערוהיגען די צערייצטע נערווען, און אין טייל לענדער איז אַפֿילו בײַ די טויב־שטומע נישט שטיל.

מיר געדענקען נאָך אַלע די צייט, ווען אַפֿילו בלינדע, הינקענדיגע, טויבע און שטומע האָבען געשיקט זייערע פֿאָדערונגען צו דער „פּמליה של מטה", און געהאַט זייערע פֿערטרעטער אין דער „חבֿרה פֿון אַלע חבֿרות".

אין אַזעלכע צייטען און אין אַזעלכע ערטער ראַטעווע איך מיינע צערייצטע נערווען פֿון אַ מיאוס'ן סוף דורך אַן אַנדער מיטעל.

איך טו אָן דעם מאַנטעל אויף די פּלייצעס און לאָז זיך געהן צו איינעם פֿון מיינע בעקאַנטע פֿון דער פֿאַמיליע קוקורעוסקים און פֿערברענג בײַ איהם צו עטליכע שעה.

די פֿאַמיליע קוקורעוסקים האָבען אַ מאָדנע טבֿע. זיי לעבען קיינמאָל נישט מיט דער צייט, נאָר מיט עטליכע יאָרהונדערטער פֿריהער. דאָס זיינען וואונדערליכע נשמות, וואָס האָבען על פּי טעות פֿערשפּעטיגט געבאָרען צו ווערען מיט עטליכע הונדערט יאָהר.

דאָס זיינען אַזעלכע לייט, וואָס האָבען אַ גוסט דערצו, צו וואָס עס האָבען געהאַט אַ חשק אונזערע אור־אור־עלטער־זיידעס. זייערע הייבער ווייסען גענויער דעם נישט ברוקירטען וועג צו דער דער מקוה, ווי די געפּלאַסטערטע גאַס, וואָס פֿיהרט צום טעאַטער. די מענער האָבען נאָך בירושה פֿון דורות די „שטעטל" בײַ דער מזרח־וואַנט אין בית־המדרש, און ווען זייער פּנים פֿערטראַכט זיך אויף אַ הייטיגער בערזע, זוכען זייערע בענקענדיגע אויגען דעם פֿאַרצייטיגען מאַרק, און דעם פּרנסה־חודשים שטוב בײַם מאַרק, וואָס פֿלעגט וואַרפֿען

אויף איבּ אַזאַ בּכּבֿוד'יגען שאָטען. און זייע'רע קינדער, כאָטש זיי בּעזוכן שוין גימנאַזיעס, אוניווערסיטעטן א. אַז. וו., האָבּען אַ פּנים פון אַ פאַרצייטיגען-בּחור, וואָס האָט נאָר געקענט דעם חדר, דעם רבּי'ן, דעם בּית-המדרש, דעם שוועהר, וואָס גיט אייביגע קעסט. און ווידער דעם בּית-המדרש און אָבער דאָס שטיבּעל.

מיילמאָל שפּרינגט אָבּער אַרויס איינער פון די קוקורעווסקים, וואָס, נישט וויסענדיג דעם סוד פון זיין שפּעטע'ן געבּוירען ווערען, — הויבּט ער אָן צו פילאָסאָפירען און זיך אויסצוקליגלען אַזאַ וועלט-אָנשויאונג, וואָס פּאַסט פאַר זיין אַרכאַאיסטישער נשמה.

און טאַקע דער דאָזיגער קוקורעווסקי בּערוהיגט מיך אַמאָל נאָך מעהר, ווי מאַנכער געבּוירענער טויבּ-שטומער.

* * *

חיים קוקורעווסקי — אַזוי איז זיין כּשר'ער נאָמען — איז זיך אַ בּחור אין די יאָהרען, וואָס פערלעבּט אין רוהיגקייט און אין שטיל-קייט אַ קליינע רענטע פון זיין פערמעגען צוזאַמען מיט אַן אַלטער מוטער.

ער ליינט נישט קיין צייטונגען, קיין היינטיגע זשורנאַלען. ער האָט אפשר אויך קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען פון אַ היינ-טיגען בּעריהמטען שרייבּער. ער איז אַ גרויסער ליבּהאָבּער פון אַלטע גראַווירען, פון פאַרצייטיגע בּיכער, בּעזונדער פון אַזוינע אַלטע בּיכער, וואָס גיבּען איבּער די זכרונות פון אַמאָליגע, אַמאָליגע פאַרצייטיגע מענשען. וויל ער ליינען אַ דראַמע, ליינט ער שעק-ספּיר: וויל ער ליינען אַ לוסטיג מעשה'לע, נעמט ער בּאָקאַטשיאָ אין אַן אַלטען הזיר-לעדער-בּונד.

אויף זיין שרייבּ-טיש וועט איהר נישט געפינען קיין היינט-מאָ'ישע קאָנווערטען און פּאַפּיר. אָנשטאָט שטאָל-פעדערן בּענוצט ער זיך מיט גענזען-פעדערן און צווישען זיינע מגילות (ער האָט ליבּ פּאַרמעטענע מגילות) וועט איהר אויך געפינען אַן עלטען פּאַ-פּירוס, אויף וועלכען עס האָבּען נאָך אַמאָל געשריבּען די חרטומים פון מצרים.

און זיין הויז דרינגט נישט אַריין די ליכט פון אַ נאַפט-לאָמפּ 

(פֿון עלעקטרי, גאַז וויל ער בכלל נישט וויסן). זיין טשיבעק פֿעררויכערט ער נישט מיט קיין שוועבעלע און ווען עס רוקט זיך אָן די נאַכט, צינדט ער אָן וועקסענע ליכט אין אַ קאַנדעלאַבער, וואָס האָט דאָס פּנים פֿון אַ מנורה.

חיים קוקורעווסקי האָט נישט ליב צו קומען מיט'ן היינטיגען לעבען אין גרויסע מחוקות. ער האָט ליב איבערצוחזר'ן דאָס ווערטעל: „פֿון צו־גרויס מחותנ'שאַפֿט קומט אָפֿט אַרויס, אַז מען צעקריגט זיך שטאַרק". און ער וויל זיך נישט צעקריגען מיט'ן לעבען, דערום קוקט ער אויף איהם פֿון דער ווייטענס. היימיש פֿיהלט ער זיך נאָר, ווען ער האָט צו טון מיט די סימנים, מיט די סימבאָלען פֿון אַן אַלטער געשטאָרבענער צייט.

* * *

קום איך אַריין צו חיים קוקורעווסקי אַ צערייצטער, אַ צעקאָכטער און אַ פֿערביטערטער פֿון צו־פֿיל ליבע, און אַ פֿערבייזטער פֿון צו־פֿיל רחמנות, — קיהלט ער מיך שוין אָב מיט זיין חוזק'דיגען ניגונ'דעל פֿון דייטשען פּאָעט שילער:

„זייט אומשלונגען מיליאָנען!
דיזער קוס דער גאַנצער וועלט!"

און איך ווייס שוין, וואָס ער מיינט דערמיט. דען חיים קוקורעווסקי, וואָס האָט ליב דאָס לעבען נאָר פֿון דער ווייטענס, שמייכעלט שפּעטיש פֿון נאַרישען פּאָעט, וואָס וויל אומאַרמען מיליאָנען מענשען, וואָס וויל קומען אין אַזאַ נאָהענטקייט מיט דער וועלט, אַז ער זאָל זיך מיט איהר קאָנען צוקושען.

— „ס'אַר אַ פֿערלאַנג פֿון אַ מענשען, — האָט איינמאָל חיים געחוזק'ט, — ער וויל גיך אָבקושען די גאַנצע וועלט, ווי אַ שיינע שיקסע אויפֿ'ן הויף, ביי וועמען ביידע הענט זיינען פֿערנומען מיט אַ פּאָר עמער וואַסער"...

קורץ, ווי נאָר איך דערזעה דאָס רוהיגע געזיכט פֿון מיין חיימ'ן, בעשטראַלט פֿון די וועקסענע ליכט ביי נאַכט, און ביי טאָג פֿון האַלב־טונקעל, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך די שווערע זיידענע גאַרדינען — ווער איך אַן אָבגעקיהלטער, ציהט זיך אויף מיר אַרויף אַן אַנדער הויט.

איך פֿערגראָב מיין קערפּער אין אַ בּעקוועמען אַלט־מאָדישען ווייכען פֿאָטעל־שטול און לאָז גיסען אויף זיך די בּאַלזאַם־פֿילאָסאָפֿיע פֿון די פֿילאָסאָפֿען אין דער פֿאַמיליע קיקורעווסקי.

. . . . . . . . . .

. . . . . . . . . .

— „אַז איך קוק אויף אייך, ווי איהר קומט אַזאַ צעפּלאַטשער, צעקאָכטער, ווי אַ זודיגער טאָפּ, פֿערשטעה איך שוין, אַז איהר האָט זיך געפּרובּט צעקוישען מיט דער גאַנצער וועלט, — הוזק'ט חיים'ס רוהיגע בּנעימותדיגע שטים.

— „....ס'איז נאַרישקייט, וואָס אַ קופּערנער טאָפּ שטעלט זיך אַזוי נאָהענט צום פֿייער. עס איז נישט מעהר הבּמה, וואָס איהר נעמט אַזוי נאָהענט צום האַרצען דאָס פֿייעריל פֿון טאָגיגען לעבּען.

— „....אויפֿ'ן לעבּען דאַרף מען קוקען פֿון דערווייטענס, און אַזוי ווי מיר זיינען נישט קיין נבֿיאים, וואָס זעהען קלאָר די צוקונפֿט, מוזען מיר קוקען הינטערווילעכּם.

— ... „דאָס לעבּען איז ווי אַ שענע פֿרוי אויף דער גאַס. כּל זמן זי שפּרייזט, בּעוועגט זיך, שמייכעלט פֿון דער ווייטען און עטעמט אויף אונז מיט איהרע חנ'דלעך — האָבּען מיר פֿון איהר פֿערגעניגען. ווי בּאַלד אָבּער מיר געהען צו איהר צו נאָהענט, דערזעהען מיר די פּודער אויף די בּעקלעך, די פֿאַרבּ אויף די ליפּעלעך, און די שטאַנגען, וואָס שפּאַרען אַרויס פֿון איהר קאָרסעט דורכ'ן קלייד. און ווען מיר געהען צו נאָך נעהענטער — ווערט זי עפּעס גאָר אַן אַנדערע — עס פֿערשווינדט איהר פֿריהערדיגע פֿרייע, לייכטע בּעוועגליכקייט, עס ווערט עפּעס פֿערשוואונדען די זיסקייט פֿון איהר חן, און איהרע אויגען בּעקומען גאָר אַ נייעם, נישט־אָנגענעמען איינדרוק.

— „....עס איז בּכּלל אַ גרויסער טעות, וואָס מען וויל דאָס לעבּען טאַפּען מיט די הענט, לעקען מיט דער צונג, מאַכען פֿון איהם עפּעס אַנדערש ווי עס איז, צופּאַסען עס צו די געפֿיהלען פֿון אונזער האַרצען, צו די געדאַנקען פֿון אונזער מח. אויף דאָס לעבּען דאַרף מען נאָר קוקען, נאָר קוקען. דעמאָלט קאָן מען עס אויך אַמאָל געניסען.

— „....געוועהנליכע מענשען מיינען, אַז דער געדאַנק, דאָס

געפיהל איז שנעלער ווי דער בליק. א טעות, לײדער. די שנעלקײט פון דעם לופט־שטראל האבען מיר געמאסטען; ער שפרײזט אין אײן סעקונדע א מהלך פון 300 טויזענט מײל, די גיכקײט פון געדאנק האבען מיר נאך דערווײל נישט אויסגעמאסטען, און אז אונזער געפיהל איז א הינקעדיג בעשעפעניש, ווײסען שוין אפילו אויך די הײנטיגע פסיכאלאגען. עס קריכט ווי א קרעבס און מאכט שטענדיג צוויי טריט הינטערווײלעכס, נאכדעם ווי עס מאכט אײן שפרײז פאראויס.

— ...„אלץ, וואס עס איז נאהענט אין דער וועלט־געשיכטע, איז אזוי ווילד־צעטומעלט, אז דאס פשוט'ע קוקען גיט אײך נישט קײן בילד. מיך האט ניט געקאנט אינטערעסירען דער דרײפוס־פראצעס, כאטש מיך האט שטארק בעשעפטיגט דער ענגלישער פראצעס פון קאלא און וואלטער'ס צײטען. מיך אינטערעסירט נישט דער באלקאנישער קריג. איך האב אבער מיט פערגעניגען געלײענט, ווי אמאל, פאר 2000 יאהר, בײ דעם פערסער־קריג, האבען זיך אלע גריכישע שטאטען, ספארטא, אטען”, א. אז. וו.

הײם האט זעהר ליב צו רעדען וועגען דעם ענין פון קוקען, און זײנע ווערטער גיסען זיך איף מײן צערודערט הארץ, ווי א לײכטער, רוהיגער קיהלער שטרוים. בישלעכווײז קלעפען זיך צו בײ מיר מײנע אויגען, און איך שלאף זיך אויס א ווײלע אין ווײכען פאטער־שטול פון דער פאמיליע קוקערס.

# דער חלום פון מיין פאלק.

...דער חלום פון מיין פאלק, — האט ער אנגעהויבען מיט א נידעריגער שוואכער שטים און מיט אומעטיגע פערצויגענע אויגען — זייגען די ימות המשיח, — דער טאג, ווען עס וועט קומען צו רייטען אויף אן אייזעל דער אמת'ער, דער צווייטער משיח (ווארום דער ערשטער וועט זיין א פאלשער) און וועט מאכען א פרעהליך, גליקליך איבערקעהרעניש איבער דער גאנצער וועלט.

דער משיח-געדאנק ביי מיין פאלק, — און ווען איך זאג דאס ווארט „פאלק", מיין איך דאס פשוטע פאלק, נישט די הויכע גייסטער, וואס פיקען זיך אמאל ארויס פון זיין ווארימען לייב, — איז נישט די לאנגזאמע ענטוויקלונג פון שלעכט צו גוט, פון גוט צו בעסער און פון בעסער צו גאר דעם בעסטען, נאר דער פלוצלונגדיגער איבערגאנג פון שלעכט, פון א חושך מצרים אין דער ברייטער זונענדיגער וועלט פון אן ארץ-ישראל.

דער דאזיגער געדאנק איז די אמונה אין א נס, די האפענונג, אז דער איינציגער וועט איבערקעהרען מיט אמאל דיינע מעשי בראשית, וועט ארונעמען מיט אמאל די אייביגע קללה פון „מיט'ן שוויס פון דיין געזיכט זאלסטו עסען דיין ברויט", און די גאנצע חכמת הבאטאניקע מיט איהרע לאבאראטאריעס, פראפעסארען און מיקראסקאפען וועט מיט אמאל בעקומען גאר אן אנדער פנים. אויף די ביימער וועלן וואקסען פארטיגע בולקעס, און די פאנטאנען וועלען גיסען מיט יין המשומר, און דער לויתן, שוין אן איינגעזאלצענער, וועט אליין קומען בעטען רחמים, מען זאל מיט איהם פערבייסען נאך דעם גוטען גלעזעל ארץ-ישראל'דיגען קאניאק, וואס רינט פון די דעכער.

דער משיח־גערדאַנק בײַם פֿאָלק איז, פּשוט׳ער גערעדט, ווי די האָפֿענונג אויף אַ געווינס פֿון 200,000 רובל בײַם אָרימאַן. ער האָט נישט קיין שום געשעפֿטן, ער האָט אויך ניט קיין לאָטעריי־צעטעל, נאָר ער האָט די האָפֿענונג, אַז אין טאָג פֿון געווינס וועט איהם אַרײַנפֿאַלען אַזאַ צעטעל דורך דעם קומען פֿון זיין צוברעכענעם איוועו.

* * *

איך האָב געקענט איינעם אַ גרויסען בעל־דמיון, אַ משוגע׳נעם פֿאַנטאַזיאָר, וואָס האָט געהאַט דעם כּח צו קוקען אויף אַ שאָטען און זיך קאָנען גענוי אויסמאָלען די ממשות׳דיגע זאַך, וואָס בעשאַפֿט דעם שאָטען.

האָט ער געזעהן דעם שאָטען פֿון אַ פֿרויענצימער אויף דער וואַנט — פֿלעגט ער שוין פֿיהלען די וואַרימקייט פֿון אידרע אָרעמס אויף זיין האַלז. איז געפֿאַלען אויף זיין אָרימען ווענטעל דער שאָטען פֿון אַ קאַרעטע, וואָס איז פֿאַרבייגעפֿאָהרען, — האָט שוין דער קבצן, דער בעל דמיון געפֿיהלט אויף זיין האַרטען בענקעל די ווייכקייט פֿון דעם וואַטירטען געפֿעדערטען געזעס אין דער טייערער קאַרעטע.

ער האָט ליב געהאַט, שטאַרק ליב געהאַט די פֿליהענדיגע שאָטענס אויף דער וואַנט פֿון זיין נישט־טאַפּעצירטען אָרימען חדר. די שאָטענס האָבען פֿיל געמאַכט זיין צימערל מיט אַלערליי פֿרויען און פֿריילינס (ער איז נאָך געווען אַ בחור), מיט אַלערליי גוטיגקייטען און בעקוועמליכקייטען, מיט וואָס ס׳איז אַזוי אָרים געווען זיין חדר. און אָפֿטמאָל פֿלעגט ער זינגען, ווי פֿאַרצייטען אָדם הכּהן לעבענזאָן, דאָס לידעל פֿון פֿרעהליכען קבצן, וואָס איז אַ סך רייכער פֿאַר׳ן גרויסען גביר אין שטאָט.

ער פֿלעגט דאָס זינגען אַפֿילו מיט אַן אַנדער נוסח. נישט דערפֿון איז ער געווען צופֿרידען, וואָס דער אָרימאַן האָט וועניגער דאגות, ווי דער גביר, נאָר ער פֿלעגט זינגען פֿון זיין האַרצענס־גליק, וואָס קאָן בעלעבען די פֿליהענדיגע שאָטענס און נאָך זיין רייכער ווי דער רייכסטער אַמעריקאַנער מיליאַרדער. מיין בעקאַנטער האָט קיינמאָל נישט גענאָסען די גוטיגקייטען פֿון לעבען. ער האָט תּופֿס

געווען דאָס גוטע אין אים דורך דעם, וואָס עס פֿעהלט איהם. דער שאָטען פֿון אַ בייגעל האָט אַרויסגערופֿען אין איהם די פֿאָרשטע-לונג פֿון אַן איינענעם בייגעל. די שאָטענס אויף די ווענט האָבען איהם דערצעהלט פֿון די גוטיגקייטען, וואָס זיינען דאָ אויף דער ממשות'דיגער וועלט.

ציטענווייז דוכט זיך מיר, אַז איך מיין פֿאָלק מיט זיין משיח-געדאַנק איז אַזאַ מין בעל דמיון, וואָס שאַצט די גוטיגקייטען לויט די שאָטענס נאָך, וואָס פֿאַלען אויף זיינע ווענט פֿון עמעצענס אַ ממשות'דיגען קיום.

עס חלומ'ט פֿון פֿאַרטיגע בולקעס אויף די וואַנגען, ווייל עס האָט נישט קיין כח זיך אַליין אַ בולקע אויסצובאַקען.

עס שטעלט זיך פֿאָר אַ פֿאַרטיגען וויין אין די וויינגערטענער, ווייל עס האָט נישט קיין חשק און קיין געזונטע שטאַרקע פֿיס אַליין דעם וויין אויסצודריקען אין די קעלטערס, וועלכע ער האָט נישט קיין כח צו בויען.

עס חלומ'ט איך פֿון אַ פֿרייען גערעכטען פּאָליטישען לעבען, וואו אַלט בייזע גוים וועלען זיך האַלטען אָן די אַלט פֿעדים פֿון דער ציצה זיינער — ווייל עס פֿיהלט נישט די קראַפֿט אַליין זיך צו דערשלאָגען צו אַ פֿרייען גערעכטען לעבען אויף איינענער ערד. עס דערלייכטערט זיך זיין צוקונפֿט מיט דעם משיח-געדאַנק, וואָס נעמט איהם אָב אַ סך אַרבייט מיט אַמאָל, וואָס ערלויבט איהם צו זיצען אויף אַ האַרט בענקעל און אָהן מיה און מאַטערניש זיך צו פֿיהלען אויף אַ ווייכען געפֿעדערטען געזעס אין אַ קאַרעטע.

* * *

אין די אויגען פֿון מיין בעל-שמועס האָט זיך פּלוצלונג בע-וויזען אַ פֿייערל, אַ געמיש פֿון אַ שמייכעל און אַ חוזק'ל. ער האָט פֿערוויכערט אַ פּאַפּיראָס און ווייטער גערעדט:

— דער משיח-געדאַנק פֿון מיין פֿאָלק איז, זאָלסט מיר מוחל זיין, די פֿאַנטאַזיע פֿון אַן אומה אַ פֿערמיטלער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שייכות צו די זאַכען, וואָס זי פֿערמיטעלט, און דערום איז איהר אַזוי לייכט זיך פֿאָרצושטעלען אַ פֿעלד, וואו עס וואַקסען די בולקעס, אַ וויין-באַרג, וואו דער וויין גיסט זיך אַ פֿאַר-

טיגער אין די מיילער פֿון דעם דאָרשטיגען, און וואו דער קאָניאַק רינט פֿון די דעכער.

— ???

— וואָס וואונדערט איהר זיך? שטעלט זיך פֿאָר, מען וואָלט געזאָגט א לאַנדס-מאַן, אַז בולקעס וועלען וואַקסען פֿאַרטיגע אויף די זאַנגען — וואָלט ער זיך דאָך מיאוס פֿערקרימט. ער וואָלט זיך גאָר געמיאוס'ט צו עסען אַזוינע בילקעס.

אַזאַ פֿאַנטאַזיע קאָן נאָר אויסטראַכטען אַ פֿאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט געזעהן וואַקסען אַ זאַנג, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאָס פֿערגעניגען צו אַקערן, זייהען און שניידען.

אין זוהר (דוכט זיך, פרשה שמות) איז דאָ אַ גוטע שטעל וועגען משיח-געדאַנק און זיינע פֿאַנטאַסטישע איינצעלהייטען ביי יודען.

ער שרייבט: דער משיח-געדאַנק ווייזט, אַז דאָס חלומט אַ בעטלער, וואָס וויל זיך פשוט אָנעסען. דאָס רעדט „די תאוה פֿון הונגער".

און איך זאָג, אַז אין דער גאַנצער פֿאַנטאַזיע האָט זיך קלאָר און בולט אויסגעדריקט דער הענדלער-גייסט פֿון אַ פֿאָלק.

דער הענדלער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, ווי די זוימען, ווי די בולקעס ווערען בעשאַפֿען. ער האָט אייביג צו טון מיט אַ פֿאַר-טיגער בולקע, ער האָט קיינמאָל נישט דורכגעלעבט דעם נחת פֿון וואַקסען, פֿון גריינעם בליהען, פֿון פּראָדוצירען, פֿון ווערען, ער האָט שטענדיג צו טון מיט פֿאַרטיגע זאַכען, וואָס קאָנען אַריבער פֿון איין מאַרק אויף דעם אַנדערן.

דער חלום פֿון מיין פֿאָלק איז אַ פֿאַרטיגע בולקע אויף אַ זאַנג. עפּיס אַן אומגעלומפּערטע זאַך, פֿון וואָס אַ געזונטער גומען מיאוס'ט זיך.

דאָס פֿאָלק האָט נאָך די חלומות פֿון אַמאָליגען מדבר-לעבען, ווען דער מן האָט געהאַט אַלערליי טעמים. מען האָט נאָר געדאַרפֿט עפֿענען דאָס מויל און לאָזען רעגענען אויף דער צונג דעם מן, און ער איז שוין געווען סיי בעצוקערט, סיי בערעטעכט, סיי בעצי-בעלט, ווי איינעם שמעקט. דיין מויל איז געווען אַזאַ מין לאַבאָראַ-טאָריע, וואו אַלץ איז געוואָרען כעמיש פֿעראייניגט פֿון זיך אַליין.

דער חלום פֿון מײַן פֿאָלק איז עפּעס אַזוינער, וואָס אַרבייט איז אַ קללה און וואָס האָט איך קיין הנאה נישט פֿון זײַנע פֿינף חושים. אַ וואונדער, וואָס אינ׳ם חלום איז נישטאָ קיין רמז אויף קינדלעך און נאָך אַזוינע גוטיגקייטן.

מײַן בעל־שמועס האָט זיך שוין צערעדט אויף טיש און אויף בענק, איך האָב געפֿילט, אַז עס הייבט זיך שוין אָן אַ ביסעל ניבול־פּה, און, ווי אַ געטרײַ קינד פֿון פֿאָלק, וואָס חלומ׳ט וועגן פֿאַרטיגע בולקעס, בין איך ברוגז׳דיג אַוועק.

# אויפ׳ן שיף.

## (וואַרשעווער אײַנדרוקען).

### I

... האָט מיך שוין אין ברעמען פֿערשלונגען אַ שיף פֿון נאָרד=דייטשען לאָיד מיטן שענעם נאָמען „נבוכדנצר“ און איך פֿאָהר שוין אינאיינעם מיט נאָך אַ טויזענט יודען קיין קעסעל=גאַרדען.

פֿאָהרען פֿאָהר איך אַפֿילו קיין ניו=יאָרק צו מיינעם אַ פֿעטער, אָבער איידער מען איז דורך קעסעל=גאַרדען, טאָר זיך אַ יוד נישט דערוועגען דאָס אַרויסצורעדען.

האָט מיך פֿערשלונגען דאָס שיף, ווי אַמאָל דער פֿיש יונה הנביא, און איך דרעה זיך אין זיינע געדערים אַן אומעטיגער, אַ פֿערטראַכטער, אַ צעטראָגענער.

כל זמן איך האָב נאָך נישט קיין „שיפֿס=ברודער“, וואָס פֿאָהרט מיט די אייגענע געהאַקטע וואונדען, ווי איך — איז נאָך מיין גאַנצער „מענש“ צוגעבונדען מיט טויזענטער פֿעדים צו דער שטאָט, וואָס איך האָב אָקאָרשט פֿערלאָזען. וואַרשע איז געווען די לעצטע שטאָט, וואו מיינע פֿיס האָבען געטראָטען דעם הילצערנעם ברוק און וואו מיינע אויגען האָבען געבלאָנדזשעט איבער זמערדיג=אויסגעפוצטע מיידלעך און ווייבלעך מיט פֿערשייטע קאַפּעלושען, פֿראַנטעוואַטע האַלב=שיכלעך און שפּינוועבס=דינע שטרימף און שלאַנקע אָרעמס אין צאַרטע דורכזיכטיגע הענטשקעס. און ווי יונה הנביא אויף נינוה, האָב איך זיך געבייזערט אויף דער שטאָט, וואָס האָט זיך צעהוליעט אַזוי שטאַרק און וואָס פֿערפֿאַרבט מיט אירע חטאים דאָס שטאָל=גרויע וואַסער פֿון דער וויסעל.

קוקענדיג אויף דעם שטאָלצען גאַנג פֿון דער וואַרשעווער פֿרוי, וואָס האָט זיך אַזוי הנ׳עוודיג אויסגעפוצט פֿון קאָפּ ביז צו די

טאַנצענדיגע פֿיסלעך, דערמאָהן איך זיך אָן די טעכטער פֿון ציון, וואָס זיינען געגאַנגען „נטויות גרון“ אין יצר־הרע׳דיג צונעקלונגען מיט די גאָלדענע קייטעלעך אויף די שיכלעך.

איך דערמאָהן זיך אָן דער עלטער, אָדער פֿאַלשער צירונג, וואָס עס פֿלעגט אויף זיך אָנהענגען אַ קווינקע פֿון ישעיהו הנביא, ווען זי פֿלעגט אַרויסגעהן אויפֿ׳ן גאַס.

איך זעה אין מיין פֿאַנטאַזיע אַלע די טויזענטער מענער און טאַטעס, וואָס שוויצען גאַנצע טעג ביי די קאָנטאָרקעס און ווערען גאַנצענע נעכט כמעט נישט משוגע פֿון גראָהע זאָרגען, — נאָר גאַנץ צו מאַכען דעם שטאַט פֿון זייערע פֿרויען און טעכטער

און די טעכטער און פֿרויען אָהן שום דאַנקבאַרקייט־געפֿיל אין האַרצען געהען אַרויס אויף די גאַסען, צעשפּרייטען זיך אין די גערטנער און פּאַרקען, איילען זיך וואָס גיכער צו אַנטלויפֿען פֿון דעם לאַנגווייליגען פֿער׳דאַגטען מאַנסביל, וואָס האָט אַזוי בע׳חנ׳ט זייער יוגענד, וואָס האָט אַזוי אויסגעפּיצט די שטאָלצע פּלייצעלעך מיט די געקאָלירטע בענדער פֿון דער באָבע לילית.

אַ רחמנות נעמט מיך אָן אויף דעם שטאַרקען (?) מאַנסביל, וואָס האָט אַליין אַרויסגערופֿען אויף זיך דעם שונא.

זיין זכר׳שע תאוה האָט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז בעוואָפֿענט דעם שוואַכען (?) מין, איהם אָנגעטאָן אין יצר־הרע׳שע כלי־זין פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און דאָס, וואָס פֿאַר טויזענטער יאָהרען צוריק פֿלעגט ער פּראָסט אָוועקשלעפּען אין נאָהענטען וועלדעל פֿאַר די האָר — איז היינט געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאָלץ און אַזוי טייער.

ווי דער אָפֿיציר צו אַ פּאַראַד, — אַזוי געהט היינט אַרויס אַ וואַרשעווער פֿרוי אויפֿ׳ן גאַס.

עס ליגט אויסגעגאָסען די אייגענע מעכטיגע דיסציפּלין אין איהר טואַלעט, ווי אינ׳ם מונדיר ביי דעם פֿראַנטעוואַטען קאַוואַלעריע־אָפֿיציר. קיין פֿעלדעלע, קיין קנייטשעלע וועט איהר נישט געפֿינען אין דעם לייכטיגען דורכזיכטיגען צייג, מיט וואָס זי פֿערהילט כלומר׳שט די גלידער. און אַזוי פֿעסט ווי עס זיינען אָנגעצויגען איהרע שטרימפּ איבער די קניה — איז אָנגעצויגען ביי איהר דער

הייסער, ברענענדיגער פֿערלאַנג צו געפֿעהלען, צו ברינגען דעם מאַנס רוקען און צו זיגען.

און דעם מאַנס רוקען בויגט זיך און בריגט זיך. ער קניהט מיט הכנעה פֿאַר דעם שונא, וועמען ער האָט אַליין מיט די נויטיגע כלי־זין פֿערזאָרגט.

— וואַרשעווער פֿרויען! — שרייט אין מיר אַ קול פֿון אַ מענשען, וואָס ליגט אין די געדערים פֿון אַ שיף, — איהר זאָלט אָבער וויסען זיין, אַז אייער נצחון איז נאָר אַ האַלבער. די אייגענע סיבות, וואָס מאַכען אייך אַזוי ליב און חנ׳עוודיג, האָבען אייך געבאָרען אַזוינע ערשיינונגען, וואָס מען געפֿינט ־אָם קוים אין אַן אַנדער שטאָט. עס לויערן אויף אייך די באַנדעס אויסוואָרפֿען, וואָס פֿערקויפֿען אייך, ווי קעלבלעך אין די פֿיינע הייזער, עס לויפֿען נאָך נאָך אייערע שאָטענס מיזענטער אַלפֿאָנסען, וואָס שפּילען מיט אייערע לייבער אין לאָטעריי און שטעלען אייך אַרויס אויפֿ׳ן אויקציאָן, ווי אַ שטיק מעבעל.

דאָס גאַנצע שמוציגע לעבען פֿון מאַנסביל, וואָס בריגט דעם רוקען צו אייער העגטעל, מאַכט אייך קראַנק אין דעם ערשטען מאָנאַט פֿון אייער התונה, און זיינע אַמאָליגע חטאים פֿרעסען זיך אַריין אין אייערע צאַרטע לייבער און מאַכען זיי צעקניטשט און אַלט, נאָך איידער עס ביים זיך די מאָדע פֿון סעזאָן. איהר זייט מנצח אין די גאַסען, פֿאַרקען און סאַלאָנען. אָבער איהר ווערט בעזיגט און צעניישט געמאַכט אין די הייזער, אין די אַלקאָווען, אין דער מינוט, ווען איהר נעמט אַראָב פֿון זיך אויף אַ ווילע אייער כלי־זין.

ס׳איז שוין אַזוי די טבע פֿון דער וועלט, אַז קיינער איז נישט מנצח איננאַנצען.

און אפֿשר איז נאָך אייער נידערלאַגע, ליבע בעזהנ׳טע וואַרשעווער פֿרויען, אַ סך, אַ סך גרעסער, ווי אייער ערשטער קליינער נצחון.

און עס נעמט מיך אָן אַ רחמנות אויף די וואַרשעווער פֿרויען, ווי פֿריהער אויף דעם מאַנסביל. איך דערמאָן מיך צעהנדליגער פֿנימ׳לעך אין „רענעסאַנס“, אין „אַקוואַריום“ מיט איילען־לאַנגע פֿעדערן אויף די קאַפּעלושען און עמאַלירטע טויטע, מענשליך־טויטע מאַסקעס־געזיכטער אויף די נאַקעטע שולטערן.

איך זעה אין דמיון די טויזענטער עקרות, וואָס האָבּען פֿערלאָרען דעם גוסט צו זיין מאַמעס צו קינדער, און עס ווילט זיך מיר בּעווייגען זייער יוגענד, זייער הוילען הן, זייערע שענע לייבּער, פֿון וואַנען עס איז אַרויסגעפֿלויגען די נשמה פֿון אַ מאַמעס האַרץ. און מיט עקעל טראַכט איך וועגן די טויזענטער, טויזענטער ווייבּער, וואָס שטעהען מיט הכנעה פֿאַר דעם פֿרוי־דאָקטאָר און בּעטען זיך בּיי איהם מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז ער זאָל זיי מאַכען אומ מוטער.

פֿון גרויס צעטראָגענקייט הויבּ איך אָן שפּרייזען איבּער'ן דעק. טרעט קינדערלעך מיט די פֿיס, צעוואַרף די טשיינעקעס פֿון יודען־עמיגראַנטען, וואָס פֿערבּריהען איצט אין זיי וויסאָצקי'ס טיי.

פּלוצים שטעלט מיך אָבּ אַ בּילד: אין אַ ווינקעל זיצען דריי פֿרויען, רעדען אַ פּוילישען יודיש מיט „יאַך", „עטיץ" און אַלע ווילע קוקען זיי אויף עפּעס אַן עלטערן מאַנספּאַרשוין, וואָס שפּאַצירט זיך רוהיג אַרום אויפֿ'ן דעק פֿון שיף.

און איך דערמאָן זיך אַ מעשה פֿון עמעצען אַ „פֿרויען־הענדלער", וואָס פֿיהרט מיט זיך מיט אויף איין פּאַס עטליכע וואַרשעווער פֿרויען, טעכטער פֿלומר'שט. די קעלבּלעך, די פֿרויען, האָבּען געוואָלט פֿערשפּאָרען פּאַס־געלט און זיינען אַזוי אַריינגעפֿאַלען אין נעץ פֿון אַ געניטען סוחר.

עס ווערט מיר אַ בּיסעל שווער אויפֿ'ן האַרצען, און איך וויל שוין אָנהויבּען מאַכען אַ חקירה ודרישה. נאָר מיט אַמאָל זעה איך זיך אַרום, אַז איך בּין אויפֿן שיף „נבוכדנצר", וואָס געהט נישט קיין אַרגענטינע. חוץ דעם, איז בּיז צו קעסעל־גאַרדען נאָך צייט גענוג.

## II

.... און עס איז שוין דער פֿערטער טאָג, ווי דער שיף „נבֿוכדנצר“ שווימט צווישען הימעל און ערד. איך האָב שוין צייט געהאַט אַוועקצוגעבען דעם איקונום אַלע מאכלים פֿון די יודישע באַרען און פּוילישע מלעטשיאַרנעס. אַלע האָבען זיי געהאַט איין פּנים, און דער טאָלעראַנטער ים האָט אַלין פֿערשלונגען, צו מיל־בּינגס, צו פּליישיגס.

אינאיינעם מיט די וואַרשעווער מאכלים האָב איך אַוועקגעגעבען דעם גאַנצען גאַל מיינעם, דעם ביטערן גרינעם גאַל פֿון אַ יודישען עמיגראַנט אין די געדערים פֿון אַ שיף.

איך האָב זיך אַ ביסעל בערוהיגט און מיין אינעווייניגסטער בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דאָס פּנימ'ל פֿון אַ וואַרשעווער חסידיש־נגידיש כּלה־מיידעל, מיט וועלכען איך האָב זיך בעקענט אין „שוויי־צער־טאָל“, נעבען פּאַרקאַנדעל פֿון סקעטינג־רינק.

די וועלט מאַנסבילען האָט זיך צעטיילט אין איר הערצעלע אין צוויי מינים; דער ערשטער מין טראָגט לאַנגע קאַפּאָטעס, פֿער־ברענגט די יונגעלשע יאָהרען אין די ישיבות און ביי די רביים, קוקט אויף דער פֿרוי ווי אַ טערקישער סולטאַן. און דער צווייטער מין טראָגט קורצע רעק און מאַרינאַרקעס, שלייפֿט אויס די צונג אויף אַלערליי קאָמפּלימענטען און קען די מלאכה, ווי אומצוגעהן העפֿליך, צאַרט און איידעל מיט דעם שוואַכען געשלעכט.

פֿערמאַכט זי הינטער זיך די טיר פֿון איהר לאַנג־קאַפּאָטיגען טאַטענ'ס הויז, — פֿיהלט זי זיך, ווי אין אַזיען, דערנידעריגט און פֿערשקלאַפֿט, מיט דער אויסזיכט צו קריגען אַזאַ מאַן, ווי איהרע

ברידערלעך, די אידיאָטען, וואָס ווייסען אַפילו נישט פון אַן אי־לוזיאָן אָדער אַן אַנדער פערזוויילונג.

גיט איהר זיך איין אָבצונאַרען טאַטע־מאַמע און אַריינצופאַלען אין געזעלשאַפט פון היינט־מאָדישע פרויען און מענער, פיהלט זי דעם זיס־ביטערן טעם פון אַ פער׳משפט׳ן, וואָס מען האָט אידם אויף אַ שעה צייט אַרויסגעלאָזען פון געפענגעניש.

עס ליגט אויסגעוואַקסען אין איהרע אויפגערעגטע, לאַכעדיגע אויגלעך דער טרייער פון אַ נשמה׳לע, וואָס פיהלט, אַז אַליין אין דער וועלט איז נאָר אויף אַ ווײַלע, אַז בעהאַלטענע פעדים ציהען אונז מיט אַן עקשנות׳דיגער מאַכט פון דער ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש. אין איהר קעפעלע איז די ל י כ ט י ג ק י י ט — די מאַרשאַלקאָווסקע, אויאַזדאָווסקע, „ראָזמאַאיטאָשטשי“ און „נאָוואָסטשי“ מיט מעסאַליאַנע אין דער הויפט־ראָלע. — און די פ י נ ס ט ע ר נ י ש — איז דער טאַטע מיט דער מאַמען, די ברידערלעך מיט די שוואָגערס אין סאַמעטענע קאַשקעטען און זיידענע גאַרטלען אויף די אַטלאַסענע זופעצעס.

און כאָטש איהר בעגריף וועגען ליכטיגקייט און פינסטערניש איז קינדיש, אָבער פיהלען פיהלט זי דעם א י ב ע ר ג אַ נ ג נישט ווייניגער טיף, ווי דער פּאָעט, וואָס פערגלייכט דאָס מענשליכע לעבען „מיט אַ חלום, וואָס פליהט אַוועק, מיט אַ שאָטען, וואָס פערגעהט“. עס איז נישט וויכטיג, וואָס פאַר אַ בילדער עס מאָלען זיך אין איהר קעפעלע, וויכטיג איז דאָס ג ע פ י ל, דאָס ביטערזיסע געפיהל פון אַן אייביג פער׳משפט׳ן.

און אַזוי ווי איך פיהל זיך אויך שטענדיג פאַר אַ פער׳משפט׳ן, פער׳משפט צוליב מיין יודישקייט, פער׳משפט צוליב מיינע יאָהרען, וואָס טראָגען זיך שוין צו דער פינסטערקייט פון אַ קבר, פער׳משפט צוליב דער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס וועט מיך קיינמאָל נישט בעגליקען דורך אַ גרויסען סאָציאַלען ליכט, פער׳משפט דורך די אייביגע וואַנדערונגען פון מיינע געפיהלען און שטימונגען — פערשטעה איך דעם טרויער פון דעם יונגען כלה־מיידעל און פיהל זיך מיט איהר פאַר אַ שטיקעל קרוב, אפשר פאַר אַ נעהנטערן קרוב, ווי טאַטע־מאַמע און די ברידערלעך אין די קאַשקעטען.

איך צעלעג זיך אויף די פעקלעך פון מיין באַגאַזש, קעדר־

אָב דעם בליק פֿון די טויזנטער שיף־דעק־פּאַסאַזשירען, וואָס ליגען צעוואָרפֿען ווי די טראַנטעס און קאָלדרעס פֿון אַ וואַרשעווער „האַנ־דעל“־יוד אין פּידר מיט דעם חסיד׳ישען כּלה־מיידעל אַ שמועס בזה הלשון:

— דו, מיידעלע פֿון אַ חסיד׳יש נגיד׳יש הויז, דו, ליבינקע כּלה־מיידעל, דו ווייסט גאָר אַליין נישט, וואָס פֿאַר אַ חן עס ליגט אויסגעגאָסען איצט אין דיינע אויגלעך!

כּל זמן דו ביסט נאָך אַ כּלה־מיידעל, און עס צערייסט זיך דיין הערצעל צווישען צוויי וועלטען, צווישען אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אַ קורצער מאַרינאַרקע, האָט נאָך דיין נשמה׳לע אַ פּאָר ווייסע פליגעלעך, וועלכע הערען נישט אויף צו פֿאָכען אין דיר און וועל־כע רינגלען דיך אַרום פֿאַר מיין געמיט מיט אַ פֿרישען מחיה׳דיגען ווינטעלע.

גלויב מיר, קינדעשי, אַז עס איז קיין גרויסער חילוק נישט — ווער וועט אַמאָל דיין מאַן זיין. סיי די לאַנגע קאַפּאָטע, ווי די מאַ־רינאַרקע טראָגען אין זייערע פֿאַלבען דעם גאַנצען כּלי־זין, מיט וועל־כען זיי וועלען דיך אַמאָל פֿערשקלאַפֿען, צונעמען אַ שטיק פֿון דיין לעבען און גלאַנץ פֿון דיינע מיידעלשע פֿאַרבען און חן.

און אויך דו אַליין, וואָס קוקסט מיט אַזוינע נייגעריגע אויגען אויף אַ וועלט, וואָס איז נאָר אין „שווייצער־טאָל“ דיינע — וועסט גיך געוואָר ווערען, אַז די וועלט איז גאָר נישט אַזוי פֿערמאַכט פֿאַר דיר.

צווישען טוואַרדע און מאַרשאַלקאָווסקע וועט וואוינען דיין חבֿר׳טע, אויך אַזאַ חסידקע אין פּאַרוק ווי דו, וואו דו וועסט אָב־לעגען דיינע פֿרעמדע האָר, און אָנטון אַן אַנדער פּאַרוק פֿון היינט־מאָדישע צעפּ און לאָקען, און אַוועקגעהן אין „די אַלעען גלייך מיט אַלע דאַמען פֿון דער נישט־חסיד׳ישער וועלט.

דו וועסט נאָך מיט דער צייט זיך גענויער בעקענען מיט דער מאַרינאַרקע, ווי איצט — כּלה־ווייז. ער טויג פֿאַר דיר איצט נישט פֿאַר אַ חתנ׳דעל, אָבער שפּעטער וועט ער טויגען פֿאַר אַ גוטען פֿריינד. און דער גוטער פֿריינד וועט דיר נאָך אפשר אַמאָל זיך אַרויסווייזען אַסך ערגער אין כּאַראַקטער, ווי דיין צוקינפֿטיגער חתנ־דעל.

גערענק־זשע, ליבינקע, אז עס וועט נאך קומען א טאג, ווען דו וועסט זיך מיט אומעט דערמאנען אן די יארן, ווען דיין לעבן איז געווען צעריסן אין צוויי וועלטן, ווען איין וועלט האט דיין פאנטאזיע צעדריבעלט און צעגישט ווי אן אלטע זאך, און די אנדערע האסטו בעפוצט מיט אלערליי גלאנציגע פליטערלעך.

דו וועסט מיט הארץ־ווערטאג צוריקרופן די „געהיימניספולע אוונטן”, ווען, בעהאלטענדיג דאס פנימ'ל אונטער א ברייטן שטרויהענעם קאפעלוש, האסטו געקוקט אויף די היינט־מאדישע קאוואלערן, וואס האבן זיך דיר אויסגעוויזן אזוי שען און אזוי ווייט, ווי די ארטיסטן אין טעאטער.

די קומענדיגע יארן וועלן ארונטעררייסן א שלייער נאך א שלייער, און ביידע וועלטן וועלן שטיין פאר דיר נאקעט אין זייער גאנצער מיאוס'קייט.

דו וועסט ווערן דיק און שווער, וועסט פארן אין די בעדער זיך אפרוען פון מאן און צו פארמינערן די פעטס ביי די זייטן, וועסט מיט שרעק אין די אויגן זען, ווי עס ווערט אלץ גרעסער דער נומער פון דיין קארסעט און קלענער דאס „שפילקע־געלט” פון דיין גוטן פריינד.

און אז עס וועט אויסוואקסן דיין טעכטערל, וועסטו מיט א בליק, וואס הייסט שוין צו־פיל, בערוהיגן איהר געמיט, ווען מען וועט איהר איך, ווי דיר, ברענגען א התנ'דעל אין א זופעצע מיט א גארטעל.

וועסט פאר איהר אפשר א וואך פאר דער התונה־נאכט מיט ווייבערשע הנ'דלעך אויסשיטן דעם גאנצן שמוץ, וואס האט זיך אנגעקליבן אין דיין לעבן צווישן די צוויי וועלטן — און איהר ביסלעכווייז בערוהיגן.

איצט אבער, לאה'לע, איז גראד די צייט, ווען דו ביסט הונדערט מאל בע'תנ'טער און טייערער, ווי אלע די געוועהנליכע נישט חסיד'ישע כלה־מיידלעך.

פון זיי איז שוין אראפגעפאלן דער שטויב פון זייערע פליגעלעך, און די פליגעלעך אליין בעוועגן זיך קוים.

אין זייערע אויגן וואוינט שוין קיין טרויער, זייער בליק האט פארלארן די גאנצע צניעות זיינע און זיי גרייטן זיך שוין צו דעם

חתונה־בעט מיט דער רוהיגקייט פֿון אַ באָבען, וואָס בעט־אויס דעם זיידען אַ נאַכט־געלעגער.

גלויב מיר, זיי ווייסען שוין גענוי דעם שפּיצען־מוסטער פֿון זייער חתונה־העמד און האָבען שוין לאַנג אויסגעקליבען די פֿאַרביגע בענדער דערצו.

ביי דיר אָבער, קינד, לעבט אַ געפֿיהל, וואָס וועט אייביג בעוועגען אַ טיפֿער מענשליך האַרץ. דו פֿיהלסט זיך אַ פֿאַר־משפּט'ע, פֿער'משפּט אויף אייביג.

דיין נאַריש קעפּעל מיינט, אַז דער טאַטע מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע האָט דיך אַזוי אַכזריות'דיג פֿער'משפּט. אין דער אמת'ן אָבער, ווייסטו אַליין נישט, אַז עס לעבט אין דיר דאָס אייגענע טיפֿע געפֿיהל פֿון פֿילאָזאָפֿען און פּאָעטען, וואָס פֿיהלען, אַז די וועלט, דאָס לעבען איז אַ מין קאַטאָרגע, וואו מיר דיינען אויף אייביג פֿער־משפּט געוואָרען. בודאַ, שאָפּענהויער און אויך דער יודישער תנא, וואָס האָט געזאָגט: נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא, ד. ה. בעסער נישט בעשאַפֿען צו ווערען, איידער בעשאַפֿען צו ווערען, זיינען דיר איצט, אין דער רגע, ווען דו ביסט נאָך אַ חסידיש כּלה־מיידעל אין אַ מאָדערנעם הוט — אַסך, אַ סך נעהענטער אין די געפֿיהלען, ווי די גאַנצע פֿרעהליכע וועלט, וואָס רעדעלט אויפֿ'ן סקעטינג־רינק, און צו וועמען עס ציהט דיך אַזוי דיין האַרץ".

אַ פּוס פֿון אַן עמיגראַנט, וואָס האָט געטרעטען איבער מיין לייב, האָט איבערגעריסען מיין שמועס מיט דעם מיידעל.

און אויפֿ'ן פֿינפֿטען טאָג האָב איך מיט אַמאָל דערפֿיהלט, אַז מיינע פֿעדים מיט וואַרשע זיינען עפּעס לויזער געוואָרען. פֿאַר מיין נערוועזישען בליק האָט זיך שוין געטראָגען קעסעל־גאַרדען און די פֿרייהייטס־געטין פֿון אַמעריקע.